STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04358

MASAOT BINYAMIN HA-REVII

Der Tunkeler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער.

מסעות בנימין הרביעי

(פונ'ם אוקראינישען כאאס).

פארלאג „מזרח און מערב",
ניו-יארק וואַרשאָ
1920

Der Tunkeler.

Przygody Benjamina Czwartego.

Druk. Kac i Cymer Warszawa Nalewki 47. Tel. 120–68

ערשטער קאַפּיטעל.

קיִעוו.

איִך מוז אָנהויבען פון קיִעוו.

איִן קיִעוו האָב איִך פאַרבראַכט די לעצטע צוויי יאָר.
אַ וואויל שטעטעל, כ׳לעבען, אַ פּראַכטפול שטעטעל, אַן אמת ע-
גן-עדן, נאָר וואָס דען? די גאַנצע צייט האָב איִך דאָרט גע-
האַט דאָס געפיִל ווי אָט-אָט וועט מיִר עמיִצער אַריינשטעקען
אַ מעסער איִן זייט.

ווייטער גאָרניִשט.

און נאָך אַ געפיִל האָב איִך געהאַט: אָט-אָט וועט מיִך
דורכלעכערן אַ קויל פון אַ ביִקס; אָט-אָט וועל איִך צוריִסען
ווערען פון אַ גראַנאַט און מיינע אבריִם פליִען לארבע רוחות
העולם, אָדער איִך וועל פאַרשאָטען ווערען פון אַ פיִנף-שטאָקיִ-
גען מויער און באַגראָבען ווערען לעבעדיִגערהייט.

און דאָס איִז דערפאַר, וואָס איִן קיִעוו האַלט מען איִן
איין שיִסען.

און אַז מען שיִסט, איִז מען דאָך ניִשט זיִכער מיִט׳ן לעבען.

און אַז מען איִז ניִשט זיִכער מיִט׳ן לעבען, זאָגט מען
ודוי, און איִך האָב געהאַלטען איִן איין זאָגען ודוי.

אין דער געשיכטע האָט נישט איינמאָל געטראָפען, אַז פּאַר אַ גרויסען מענשען האָבען זיך געשלאָגען זיבען שטעט.

קיעוו איז אַ שטאָט, פאַר וועלכע עס שלאָגען זיך זיבען גרויסע מענשען, און נישט זיבען, נאָר זיבען-און-זיבציג.

פּעטלוראַ, העטמאַן, טראָצקי, דעניקין, מאַכנאָ, גריגאָריעוו, זיעלאָני, סטרוק, אַנגעל, סאָקאָלאָווסקי, ראַקאָווסקי און ווער נישט.

און אָט אַזוי לעבט זיך דאָס אין קיעוו, ווי מען זאָגט דאָרטען: „פּאָדיאָנאָ"—פון טאָג, הייסט עס. איך מיין, אַז מען לעבט פון שעה. נאָר מען לעבט.

מיין אַרט לעבען.

אין דער פרי, ווי דער שטייגער, שטיי איך אויף און גיי מיר צו דער אַרבעט. מען מוז דאָך אַרבעטען, און מיין ארבעט איז זייער אַ פּראָדוקטיווע אַרבעט. איך אַרבעט אויף דעם געביט צו באַזאָרגען די באַפעלקערונג מיט פּראָדוקטען פון דער ערשטער נויטווענדיגקייט.

אַזוי, למשל, אַרבעט איך אין אַן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע ביי דער סטאַטיסטישער ביוראָ, וואָס רעגיסטרירט די אַלע ערנערונגס-קאַרטאָטשקעס פון דער קאַטעגאָריע בירגער, וואָס האָבען קיין רעכט נישט צו באַקומען דאָס אַכטעל ברויט, און וואָס דאַרפען צושטעלען אַ צייגניש, אַז זיי האָבען דעם אַכטעל ברויט טאַקי נישט באַקומען.

מיין אָנטאָן זיך מאַך איך בקיצור, ווייל קיין סך בגדים האָב איך נישט, אויף דעם זאָרגען שוין די קאָמוניסטען.

פון פרישטיק האַלט איך נישט, מחמת דאָס איז אַ בור-זשואַזער פּאָראורטייל—גיי איך מיר אַרויס אויף דער גאַס און דאַרף זיך פאַרקירעווען אויפ'ן ווינקעל צום וועג אויף פּאָדאָל. אויפ'ן ווינקעל גאַס שטייען סאָלדאַטען און שיכען פון ביקסען. גיי איך צו צו זיי און פרעג: אין וועמען שיסט איר דאָס? ענטפערן זיי, אַז דאָס שיסען זיי אין יענע סאָלדאַטען קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, וואָס שטייען דאָרטען אויף יענעם ראָג און שיסען אַהער. פרעג איך: פון וואַנען ווייסט איר, אַז יענע סאָלדאַטען זיינען קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן? ענטפערן זיי: וואָס הייסט? ווי באַלד, אַז זיי שיסען אַהער, מסתמא זיינען דאָס קאָנטער-

רעוואָלוציאָנערן. וועלכער משוגע׳נער שיִסט עס גלאַט אַזוי אין דער גאַס אַריין?

גיי איִך צו צו יענע סאָלדאַטען, וואָס שטייען אויף יענעם ראָג און שיִסען, און פרעג: טאָוואַריִשטשי, צו וואָס שיִסט איִר? זאָגען זיי, אַז דאָס שיִסען זיי אין די סאָלדאַטען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וואָס שטייען אויף יענעם וויִנקעל און שיִסען אַהער. פרעג איִך: פון וואַנען איִז געדרונגען, אַז יענע זיינען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן? ענטפערן זיי: וואָס הייסט? וועלכער משוגע׳נער וועט עס שיִסען אַזוי גלאַט אין גאַס אַריין? ניִשט אַנדערש — קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. זע איִך, אַז איִך קאָן דאָ ניִשט דורכגיין, לאָז איִך זיִך גיין דורך אַן אַנדער גאַס, אויף פאָדאָל. מען קען גיין דורך וולאַדימיִר־גאַס. נאָר אויף וולאַדימיִר־גאַס האָבען זיִך צובונטעוועט צוויי פאָלקען סאָלדאַטען: טאַראַשטשאַנער פאָלק און 108־טער סטרעלקאָווער פאָלק; זיי זאָגען, אַז זיי זיינען פאַר דער ראַטען־מאַכט שטאָל און אייזען, אי וואָבשטשע! האַלטען פון סאָציאַליזם, קאָמוניִזם, איִנטערנאַציאָנאַליִזם, אי טאָמו פאָדאָבנאָיע! נאָר וואָס דען? זיי פאָדערן, אַז מען זאָל צוטרייבען די טשרעזוויִטשייקע, אויסקוילענען אַלע קאָמיִסאַרען, איִנטעליִגענטען, איִדען, אי באָלשע ניִטשעוואָ!

האָבען זיי זיִך, די סאָלדאַטען, הייסט עס, פאַרבאַריִקאַדיִרט אין די בענדערער קאַזאַרמעס און שיִסען פון דאָרטען פון פולעמיאָטען. איִז אָבער געקומען אַ גרויסער אָטריאַד מאַטראָזען און אַרטיִלעריע און האָבען אַרומגעריִנגעלט די בענדערער קאַזאַרמעס און שיִסען אַהיִן פון האַרמאַטען. זיי, די מאַטראָזען זאָגען, אַז זיי זיינען כמעט איינשטיִמיִג מיִט דער רעזאָלוציע פון די פאָוסטאַנצעס, נאָר וואָס דען? אָנשטאָט קוילען איִדען, זאָל מען בלויז ראַבירען. וויִלען יענע ניִשט — שיִסט מען, קנאַלט מען און עס איִז היימליִך.

נאָר וועמען אַרט עס? איִך אייל מיִך אויף דער אַרבעט, מען מוז דאָך העלפען אויפבויען די פראָדוקציאָן פון לאַנד. גיי איִך צוריִק אויף די מייעווקע, וויִל זיִך אַרויפכאַפען אויף קרעשטשאַטיִק און פון דאָרט אויפ׳ן פאָדאָל. איִז אָבער אַ סברא, אַז פון די מייעווקע באָמבאַרדיִרט מען די שטאָט פון

שווערע האַרמאַטען. פּעטליוראַ׳ס באַנדעס רייסען זיך אין שטאָט אַריין, זיי ווילען פאַרנעמען קיעוו און אַגב־אורחא אויסקוילע־נען אַ דרייסיג טויזענט אידען. און דאָס איז גאָרנישט קיין סך פאַר קיעוו. פאַר קיעוו איז עס אַ שפּיי אין פאַרגלייך מיט אַזעלכע שטעטלאַך ווי פּראָסקוראָוו, אומאַן, נאָווגאָראָד־וואָלינסק... נאָר אריינגיין אין קיעוו לאָזט זיך נישט אַזוי גרינג, ווייל פּונקט געגענאיבער פון סלאָבאָדקער זייט שטייען מאַכנאָ׳ס באַנ־דעס און באָמבאַרדירען די שטאָט פון צוויי געפּאַנצערטע צו־גען.

מאַכנאָ׳ס באַנדעס זיינען אויך איינשטימיג, אַז „בעי זשי־דאָוו ספּאַסאַי ראָסיו״ אלא וואָס דען? דרייסיג טויזענט אידען איז אַביסעל צופיל, גענוג צוואַנציג טויזענט.

דער אַרסענאַל ווידער אויף פּעטשערסק איז פאַרנומען פון די באָלשעוויקעס און פאַר׳ן אַוועקגיין רייסען זיי אויף די פּולווער־סקלאַדען.

אונטער אַזאַ האַרמידער איז מען אַביסעל נישט זיכער מיט׳ן לעבען. עס וואָלט נישט געשאַדט אַ געפּאַנצערטען אוי־טאָמאָביל צו פאָרען צו דער אַרבעט, נאָר אַזוי ווי קיין גע־פּאַנצערטען אויטאָמאָביל האָב איך נישט, צי איך זיך אויס אויף דער ערד מיט׳ן בויך אַראָפּ און פּויזשע מיך צו דער אַרבעט אויף פּאָדאָל. פּאָרט זיכערער. בפרט נאָך ווען מיין ווייב האָט מיר אָנגעזאָגט, מיט׳ן האַרבען וואָרט, אַז איך זאָל זיך נישט דערוועגען צו קומען אַ היים מיט אַ קויל אין זייט.

אַלע קיעווער איינוואוינער פּויזשען אַזוי אויף אַלע פיר. יעדער איינער איז פאַר זיך אַ טשערעפּאַכע.

פּויזשע איך.

אונטערוועגענס האָב איך אויף זיך דערווייל עטליכע „אָבלאַוועס״. פיר רעגירונגען כאַפּען מיך אויף, מאָביליזירען מיך אין זייערע אַרמייען; פינף רעגירונגען כאַפּען מיך אויף, איך זאָל גיין גראָבען פאַר זיי אָקאָפּעס; זיבען רעגירונגען נע־מען מיך גלאַט אויף אַרבעט. אַלט מאָל נעמט מען מיך אַלס זאַקלאַדניק. די ביעלאָ־גוואַרדייצעס—אַלס פּראָלעטאַריער, די באָלשעוויקעס—אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און בורזשוי, די אוקראַינער—אַלס אַ רוס, די רוסען—אַלס אַ סאַמאָסטייניק, די

סאמאָסטייניקעס—אַלס אַ דעניקינ׳עץ, אַלס אַ קערעניעץ, אַלס אַ קאָנציליאָוועץ, ועל כולם די קאָמוניסטען—אַלס ציוניסט...

אָבלאָוועס פון אידישען קאָמוניסטישען פאַרבאַנד אויף ציוניסטען! דאַנקען גאָט, אַן אייגענער בירגער-קריג אויף דער אידישער גאַס. לייטען גלייך.

נאָר אַזוי ווי איך פוזשע דאָך, ווי אַ וואָרעם, האָב איך זיך בשלום אַרויסגעגליטשט פון די אַלע פורעניות און ווייטער אַוועקגעפויזשעט אויף דער אַרבעט צום פאָדאָל.

אויפ׳ן עק פאָדאָל אָבער ביי קורעניאַווקע קוילעט מען אידען. ד. ה. די גוים פון די אַרומיגע דערפער זיינען נישט צופרידען מיט דער קאָמונע, האָבען זיי ביי מעזשיגאָריע דער-טרונקען אַ שיף מיט אידען, האָבען די כינעזער פון דער רויטער אַרמיי אונטערגעצונדען זייערע דערפער, האָבען די פויערים אויסגעקוילעט אַלע אידען פון מעזשיגאָריע, האָט די קיעווער טשרעזוויטשייקע געשיקט אַהין אַ שטראָף-עקספעדיציע מיט פראָקלאַמאַציעס און אַגיטאַטאָרען, וואָס זאָלען זיי אויפקלערען און אַגיטירען. זיינען צו די ערשטע פויערים צוגעשטאַנען די פויערים פון די איבריגע דערפער, וואָס זיינען אין כעס אויפ׳ן יקרות און גייען קיין קיעוו זיך נוקם זיין אָן די אידען.

הכלל, איך האָב דערזען, אַז איך וועל שוין אויף מיין אַרבעט היינט נישט קומען, האָב איך אַוועקגעפויזשעט צוריק אַהיים.

איך קום אַהיים און קלאַפּ-אָן אין טויער. אויף דער נאַכט ווערען דאָרטען טיר און טויער פאַרשלאָגען און פאַר-באַריקאַדירט. הינטער׳ן טויער און אין הויף שטייט דער הויף-שוץ פון שכנים מיט ביקסען און מיט כל-ערליי כלי-זיין. דער-הערט מיין קלאַפּ, הויבט מען אָן דאָרט צו פויקען אין אַ טאַזיק. אין יעדען הויף הייבט אַ טאַזיק, אַן אַלטע וואַנע, אָדער אַזוי אַ שטיק בלעך. מען הויבט אויף אַ „טרעוואָגע". דער הויף-שוץ הויבט אָן שיסען. קומט דער פּאַטרול און הויבט אויך אָן שיסען, מיינט דער הויף-שוץ, אַז דאָס איז אַן אָנפאַל פון באַנדיטען און הויבט אָן נאָך שטאַרקער צו שיסען. מיינט דער פּאַטרול, אַז די באַנדיטען ווייזען אַ ווידערשטאַנד און הויבען אָן נאָך שטאַרקער צו שיסען. שיסט מען אַזוי לאַנג ביז מען

נושיסט דעם טויער און איך שמוגעל זיך אַריין גלייך אין קעלער צו מיין ווייב און קינדער (איך דאַרף אייך זאָגען, אַז איך וואוין שוין לאַנג אין קעלער. נישט אומזיסט האָבען מיר מיינע פריינט משנה השם געווען און רופען מיך מיט דעם נאָמען פון דעם באַרימטען דייטשען שרייבער „קעלערמאַן”).

מיין ווייב באַגעגענט מיך מיט אַ שמחה, און מירביידע נעמען בודק זיין מיין גוף, צי איז אין אים קוין קול נישט אַריין, אָדער צי שטעקט ניט ערגעץ אַ שטיק גראַנאַט. איך צייל איבער מיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים און וויל זיך לייגען שלאָפען; זאָגט מיר מיין ווייב, אַז היינט וועט זי מיר געבען וועטשערע: זי האָט געקריגען ברויט. ווי אַזוי? היתכן? דערציילט זי מיר אַ גדולה: זי איז געשטאַנען אין „אָטשערעד” אויף ברויט. זי איז געווען די 78-סטע אין ריי און האָט שוין כמעט פאַרלוירען די האָפנונג צו באַקומען ברויט; ערשט עמיצער האָט געוואָרפען אַ באָמבע און אַרויסגעריסען אַ זעכ-ציג פאַרשוין פון אָטשערעד, געטויט אויפ'ן אָרט, און אַזוי אַרום איז זי געוואָרען פון די ערשטע און געקריגען אַן אַכטעל ברויט.

אַז מען שמועסט—אַ גליק.

נאָך וועטשערע לייג איך זיך שלאָפען. שלאָפען שלאָף איך רוהיג, הגם נאַכט און נאַכט וואַרטען מיר אויף דער באַר-טאָלאָמייאום-נאַכט. מיין דוואָרניק פון הויף איז מיר אַלע נאַכט מודיע מיט דעם זעלבען טאָן אַ שטייגער, ווי ער האָט פאַר מיר אַ בריף: היינט ביינאַכט וועט זיין „אַ וואַרכאַלאמייסקע” נאַכט און מ'וועט אויסקוילענען אַלע בורזשויעס און אידען.

איך זאָג אָפּ ודוי און שלאָף איין.

און אָט אַזוי לעבט זיך אין קיעוו. געמיטליך, רוהיג, אַן אמת'ע אידיליע.

איז מיר די אידיליע סוף כל סוף נמאס געוואָרען און איך האָב באַשלאָסען אַוועקצופאָר'ען. ווי אַזוי איך האָב זיך אַרויסגעריסען פון קיעוו און ווי אַזוי איך בין געפאָרען און וואָס פאַר אַ וועג איך האָב געהאַט — וועגען דעם אין צוויי-טען קאַפּיטעל.

צווייטעם קאַפּיטעל.

זאָל זיין וואָס עס וויל זיך–איך פאָר!

הכלל, איך האָב באַשלאָסען פון קיעוו אַוועקצופאָרען, וואָרום איך זע באַשיינפערליך, אַז פון קיעוו וועל איך שוין קיין נחת ניש׳ט דערלעבען.

וואָרום וואָס פאַר אַ גוטס קאָן אַרויסקומען פון אַ שטאָט, וואו מען האַלט אין איין שיסען? און ניט אַזוי דאָס שיסען, ווי דאָס ליידיג־גיין און פוסט־און־פאַסטעווען. וואָרום אַז די שיכען און די אַנדערע ווע־עך געשאָסען, טאָ ווער־זשע וועט אַרבעטען? און אַז מען אַרבעט ניש׳ט, איז דאָך נישטאָ קיין מלאכה, קיין פּראָדוקציאָן, קיין מסחר. און אַז עס איז נישטאָ קיין מלאכה מיט קיין פּראָדוקציאָן מיט קיין מסחר, מאַכט מען שטרייקען, און אַז מען מאַכט שטרייקען, איז נישטאָ וואָס צו עסען, און אַז עס איז נישטאָ וואָס צו עסען, הונגערט מען, און אַז מען הונגערט, מאַכט מען רעוואָלוציעס, און ווי באַלד רעוואָלוציע, מוז מען דאָך שיסען, און אַז מען שיסט, איז דאָך נישטאָ קיין צייט צו אַרבעטען, און אַז מען אַרבעט ניש׳ט, וואַקסט דער יקרות מיט דעם הונגער, און אַז עס וואַקסט דער יקרות מיט דעם הונגער, איז נישטאָ וואָס צו עסען, און אַז

עס איז נישטאָ וואָס צו עסען, מאַכט מען רעוואָלוציעס מיט דעמאָנסטראַציעס, און ווי באַלד רעוואָלוציע — שיסט מען און מען ערקלערט טראַר, רויטען און ווייסען טראַר, אין אַז מען שיסט און מען ערקלערט רויטען אין ווייסען טראַר, קאָן מען נישט אַרבעטען א. אַז. וו., א. אַז. וו.

אייך איז דאָך באַקאַנט דאָס אידיש-פאָלקסטימליכע ליד-על.

או פאָפּאַ בילאַ סאַבאַטשקאַ.

הכלל, איך האָב באַשלאָסען אַוועקצופאָרען פון קיעוו. וואוהין? — דאָס איז שוין דוקא קיין נפקה-מינה נישט.

ווי אין פסוק שטייט: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה — איז אַוועקגעגאַנגען יעקב פון באר שבע און איז געגאַנגען קיין חרן. פרעגט רש"י: צו וואָס דערציילט אונז דער פסוק, אַז יעקב איז אַוועקגעגאַנגען פון באר שבע? ווי באַלד ער איז געפאָרען קיין חרן, איז ער דאָך מסתמא אַוועק פון באר-שבע? איז דער תירוץ, אַז יעקב איז נישט אַזוי אויסען געוועזן צו גיין קיין חרן, ווי אַוועקצוגיין פון באר שבע.

עס טרעפט, אַז דאָס אַוועקגיין איז וויכטיגער, ווי דאָס אָנקומען...

און ווייטער, ווער ווייסט, צי האָט מען דאָרטען, אין באר שבע, צו יענער צייט אויך נישט געדאַרפט האָבען קיין „פּשעפּוסטקע"; ווער ווייסט, צי איז נעביך יענקעל נישט גוט אויסגעריסען געוואָרען, ביז ער האָט ביי דעם באר-שבע'ר קאָמענדאַנט די „פּשעפּוסטקע" געקריגען. און צוליב דעם טאַקע קוועטשט דער פסוק: ויצא יעקב מבאר שבע — יעקב האָט מיט מזל געקריגען אַ „פּשעפּוסטקע" און איז אַוועקגעגאַנגען פון באר שבע.

קיעוו איז אויך אַזאַ שטאָט פון די שטעט, וואָס דער עיקר איז פון דאָרטען אַוועקצופאָרען, און, ווייטער, וואוהין? — דאָס, זעט איר, איז שוין דוקא קיין נפקה-מינה נישט.

על כל פנים וועל איך פאָרען וואוהין די אויגען וועלען מיך טראָגען.

אפשר אַ שלעכטער וועג?

„וואו די אויגען טראָגען" איז אפשר אַ מער פּאָפּולער

און אָנגעזעען אָרט, ווי אַלע גרויסע שטעט פון דער וועלט.
ווער פון אייך איז אַהין נישט געפאָרען?
אמת, קיין „באַדעקער" פאַר דער דאָזיגער „וואו-די-אויגען-רייזע" וועט איר נישט געפינען; קיין „וועג-ווייזער", וואָס זאָל אייך ווייזן דעם מאַרשרוט און זאָל אויסרעכענען אַלע זיינע זעענסווירדיגקייטען און חדושים, איז נאָך נישט געדרוקט. קיין רייזע-פּלאַן, וואָס זאָל אייך געגוי זאָגען, ווען דער צוג גייט אַהין אָפּ, ווי ווייט עס איז, און ווען איר וועט אַהין, אין דעם „וואו-די-אויגען-טראָגען", אָנקומען, איז אויך נישטאָ. איר וועט אפילו נישט הערען ביים קאַסע, עמיץ זאָל, אַ שטייגער, פרעגען:
— זייט אַזוי גוט, גיט מיר אַ בילעט קיין „וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען".
פונדעסטוועגען קאָן איך אייך פערזיכערן, אַז אַזאַ וועג עקזיסטירט און דוקא אַן אויסגעטראָטענער וועג, אַ זייער פּאָפּולערער מאַרשרוט.
ספעציעל פאַר אידישע טוריסטען.
קיין ספעציעלע בילעטען דאַרפען מיר אויך נישט האָבען. אַלע וועגען פירען אַהין און אַלע בילעטען זיינען גילטיג.
הכלל, איך האָב באַשלאָסען צו מאַכען די רייזע, און פאָרען וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען.
און די רייזע איז אפשר שווערער פון די רייזעס וואָס עס האָבען געמאַכט בנימין הראשון, בנימין השני און בנימין השלישי. און איך רעכען, אַז איך בין דער גרעסטער פון אַלע רייזענדער פון דער גאַנצער וועלט. אַפילו קאָלומבוס, און אַפילו קוק, און אַפילו פירי, וואָס איז באַרימט געוואָרען דערמיט, וואָס ער האָט דעם נאָרד-פּאָל נישט אַנטדעקט. און וואָמבערי און מיקלופאַ מאַקלאַי און נאַנסען קומען נישט עד קרסוליו. מישטיינס-געזאָגט, זיי זיינען געפאָרען אַנטדעקען מדינות איבער ימים און מדבריות, געבלאָנדזשעט צווישען ווילדע שבטים, מענשען-פרעסער, זיך געשלאָגען מיט ווילדע חיות, שלאַנגען און עקדעשען, פאַרקראָכען אויף יענער זייט סמבטיון, הינטער די הרי חושך, אָדער ווי אַלעקסאַנדער מוקדון דאָרטען געפלויגען אויף אַן אָדלער צום גן-עדן התחתון. שטותים! לגבי

מיר זיינען זיי אַלע נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. וואָרום איך, פאַרשטייט איר דאָך, האָב זיך אַרויסגעריסען פון קיעוו. און מיט א פּראָפּוסק!

זאָגט מיר, אַדרבה, ווער פון די אַלע וועלט-באַרימטע רייזענדער האָט באַדאַרפט אַ פּראָפּוסק? נעמט, למשל, אָט יענעם באַרימטען פאָרער, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע אַרום דער וועלט אין אַכציג טעג; זאָל ער געווען זוכען אַ פּראָפּוסק, וואָלט ער אין אַכציג טעג אַפילו די ערשטע „קאָמאַנדיראָווקע" נישט געקריגען. זיי איז געווען גוט. קיין פּראָפּוסקען מיט קיין „קאָמאַנדיראָווקעס" מיט קיין „ליטערס" האָבען זיי נישט געדאַרפט. פון פעטלוראָווצעס און קיין באַנדעס האָבען זיי נישט געוואוסט, פון די וואַגאָנעס האָט מען זיי נישט געוואָרפען, און די באָרד נישט געדאַרפט איבערבינדען.

אַך, די באָרד, די באָרד, ווי פאָרט מען מיט אַ באָרד אין וועג? אסעקורירען קען מען זי נישט און אין באַגאַזש נעמט מען זי נישט אָן. פרעגט, אדרבה, צי האָט אַ קאָלומבוס אָדער אַ נאַנסען געהאַט, ביים גרייטען זיך אין דער נסיעה אַריין, זאָרג מיט אַ באָרד? איך בין אַ בעלן געווען צו באַ-טראַכטען די בילדער פון די וועלט-באַרימטע רייזענדער און איך האָב קיינמאָל נישט געזען, אַז קאָלומבוס, אַ שטייגער, זאָל האָבען אַרומגעבונדען זיין באָרד מיט אַ פאַטשיילע. זיי איז גוט די רייזענדער פון די אומות העולם.

נישט איין רייזענדער פון די אומות-העולם איז אַוועק-געפאָרען אָן אַ באָרד ריין און גלאַט געראַזירט און אומגע-קערט זיך באַוואַקסען מיט אַ באָרד.

און דאָס איז נאָך פאַר זיי געווען אַ כבוד.

מיט אַ אידישען רייזענדער געשעט עס פּונקט פאַרקערט: ער פאָרט אַוועק מיט אַ באָרד און קומט צוריק אָן אַ באָרד. וואו איז מער קונץ?

און פּראָדוקטען האָבען די רייזענדער ביי די אומות העולם אויך געקאָנט נעמען וויפיל זייער האַרץ געלוסט און, מסתמא, נישט טייער אויך. והראיה: אַן איי האָט ביי קאָלומ-בוס'ן קיין ראָליע נישט געשפּילט. נישקשה, ביי היינטיגע יקרות וואָלט ער נישט געבראָכען קיין אייער. אַ גאַנצע מציאה!

געפאָרען אויפ׳ן ים אוקינוס. אָבער אויפ׳ן דניעפּר איז ער נישט געפאָרען... געפאָרען אויף אַ שיף, אָבער אין אַ „טעפּלושקע" איז ער נישט געפאָרען!.. אַ מציאה! אַנטדעקט אַמעריקע! איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט געדאַרפט האָבען „פּראָפּוסק" און אַ „ראַזרעשעניע" אויף פּראָדוקטען פאַר זיין קאָמאַנדע, און אַ צעטעל פון אַ דאָקטאָר, און אַ צייגניש פון פּאָקען־שטעלען, און פאָטאָגראַפישע קאַרטאָטשקעס. און אַ „כאָראשי פּאָוועדעניע", און אַ „בלאַגאָנאַדיאָזשנאָסט", און אַן „אָכראַנאַ גראַמאָטאַ" פון רעוויזיעס און „אָביסקען",—וואָלט אַמעריקע נאָך עד היום נישט אַנטדעקט געוואָרען.

און טאָמער וואָלט זיך אים איינגעגעבען צו קריגען די אַלע זאַכען, וואָלט ער אַזוי פאַרשוואַרצט און פאַר׳חושכ׳ט געוואָרען, אַזוי פאַרמאָרעט און פאַרצערט געוואָרען, אַז אַמעריקע וואָלט אים סיי ווי נישט אַריינגעלאָזען.

און איך בין געפאָרען! געקריגען אַ פּראָפּוסק און געפאָרען!

נאַטירליך, עס טוט זיך נישט אַזוי גרינג ווי עס רעדט זיך. אַזוי האָב איך באַשלאָסען. איך בין אַ מענש אַן עקשן, מיט אַ שטאָלענעם ווילען און אַן אייזערנעם כאַראַקטער. און אז איך האָב באַשלאָסען צו פאָרען, וועל איך אי"ה פאָרען.

דריטעם קאפיטעל.

מען דאַרף נאָר קריגען „אַ פּראָפּוסק“. אויף פּויליש הייסט עס: „אַ פּשעפּוסטקע“. אויף דייטש: „פּאַהר=שיין“. אויף אידיש — אַ מכה שלא כתובה בתורה.

דעם פּלאַן אויף אוועקצופאָרען פון קיעוו האָב איך גע=האַלטען א לייננערע צייט בסוד; ביז אין אַ שיינעם פּרימאָר=גען האָב איך אים אנטפּלעקט צו עטליכע פון מיינע גוטע פריינט און מקורבים. האָבען זיי אויף מיר געשאָקעלט מיט די קעפּ, געשמוצערט מיט די ליפּען, מיך אָנגענומען פאַר אַ פאַנטאַזיאָר, א בעל=חלומות, אַ משוגע׳נעם, וואָסליידט נעבּיך אויף א מאָדנעם משוגעת, אַן אידעע=פיקס: רייזעמאַניע, הייסט עס. באשר וואָס? מען דאַרף האָבען אַ פּראָפּוסק. אַ פּשעפּוסטקע הייסט עס, אַ מין רייזע=שיין.

איך אָבער בין אַ מענש אַן עקשן מיט אַן אייזער=נעם כאַראַקטער און אַ שטאָלענעם ווילען און שטיינערנע פּיס, האָב איך זיך געלאָזען אויף קדוש השם און גענומען כלאָ=פּאטשען.

וואָס האָב איך געהאַט צו טאָן? — אַ קליינינגקייט.

קודם=כל האָב איך גענומען פרעגען, זיך פונאַנדערפרע=גען, „יאַזיק דאָ קיעוו דאָפּיטאַיעט“. איך האָב אַזוי לאַנג גע=פרעגט און פונאַ דערגעפרעגט ביז מען האָט מיך געהייסען גיין

צום „איִספּאָלקאָם“. פרעג איִך, ציִ איִז דאָס אַ פּאַרשוין אַזאַ און וואו ער וואוינט, דער דאָזיִגער פּאַרשוין, און ציִ איִז ער אַן אַנשטענדיִגער מענש, און אויף וועלכען לשון ער רעדט; זאָגט מען מיִר, אַז דאָס איִז נאָר אַזאַ אַנשטאַלט, „איִספּאָלניִ-טעלניִ קאָמיִטעט“ הייסט עס. דאָרט, זאָגט מען מיר, דארף מען גיין און שטעלען זיִך איִן „אָטשערעד“.

ביִן איִך אַוועק צו דער „איִספּאָלקאָם“, זיִך געשטעלט איִן אָטשערעד. כ׳ביִן שוין צוגעקומען צום טיִר, לאָזט מען מיִך ניִשט אַריין. באשר אויף אַריינצוגיין איִן „איִספּאָלקאָם“ צו נעמען אַ פּראָפּוסק, דאַרף מען גיין איִן אַן אָרט אַזאַ, וואו מען שטייט איִן אָטשערעד און מען קריִגט אַ פּראָפּוסק אויף אַריינצוגיין איִן „איִספּאָלקאָם“ אויף צו באַקומען אַ פּראָפּוסק. וואו-זשע איִז דאָס אָרט, וואו מען גיִט פּראָפּוסקען אויף אַריינצוגיין איִן „איִספּאָלקאָם“ אויף צו נעמען אַ פּראָפּוסק?—ווייסט קיינער ניִשט. אויף דעם איִז פאַראַן אַ „ספּראַוואָבור“—אַ „ספּראַוואָטשנע ביוראָ“. וואו איִז דיִ „ספּראַוואָבור“?—ווייסט קיינער ניִשט. אויף דעם איִז פאַראַן אַ „צענטראָספּראַוואָבור, ד. ה. אַ צענטראַלע ספּראַוואָטשנע ביוראָ. וואו-זשע איִז דער „צענטראָספּראַוואָבור“?—ווייסט קיינער ניִשט. געדויערט ניִשט אַ פּאָר טעג ביִז איִך האָב אויסגעפונען.

ביִן איִך געשטאַנען איִן אָטשערעד איִן „צענטראָספּראַוואָבור“ און געפונען יענעם אָרט, וואו מען גיִט פּראָפּוסקען; וויִדער געשטאַנען איִן אָטשערעד און געקריִגען אַ פּראָפּוסק איִן „איִספּאָלקאָם“ אַריין. געקומען איִן „איִספּאָלקאָם“—איִז דאָרטען אָבער פאַראַן אַזוי פיִל ציִמערן מיִט „אָטדיעלען“ און „פּאָד-אָטדיעלען“, מיִט חדרים, מיִט קאַנצעלאַריעס, מיִט קאַמערן, מיִט קאַמערלאַך, וויִ ביי נח׳ן איִן תיבה. קום איִך איִן איין חדר, זיִצט דאָרט דער „קאָם“; קום איִך איִן אַ צווייטען חדר, זיִצט דאָרטען דער „קאָם-קאָם“; קום איִך איִן אַ דריִטען ציִמער, זיִצט דאָרטען דער „קאָם-קאָם-קאָם“ און אַזוי כסדר. האָב איִך אַזוי לאַנג אַרומגעטאַנצט איִבער דיִ „קאָמקאָמען“, ביִז איִך האָב אויסגעפונען, אַז עורבא פרח. דאָ גיִט מען קיין פּראָפּוסקען ניִשט, נאָר איִן „טשע קאַ“. הויב איִך אָן פרעגען, וואו איִז דער „טשע קאַ“. ביִן איִך דאָך אָבער אַ ליִטוואַק, זאָג איִך ניִשט „טשע קאַ“, נאָר „צע קאַ“. פרעגט מען ביי מיִר, וועל-

כען „צע קאַ“ דאַרף איך, ווייל יעדע זאַך האָט דאָ אַ „צע קאַ“ צענטראַלער קאָמיטעט, הייסט עס. זאָג איך, אויף צו נעמען אַ „פּראָפּוסק“. זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז ניט „צע קאַ“, נאָר „טשעקאַ“, טשיק הייסט עס. פרעג איך, וואו איז דער ציק?— זאָגט מען מיר: נישט „ציק“, נאָר „טשיק“. הכלל, פון „ציק“ אויף „טשיק“, פון „טשיק“ אויף „ציק“, פון „ציק“ אויף „צעקאַ“, פון „צעקאַ“ אויף „טשעקאַ“, ביז איך בין געוואָר געוואָרען, אַז דאָס מיינט מען די „טשרעזוויטשייקע“ אַליין, און דאָרטען גיט מען פּראָפּוסקען.

לויף איך אין טשרעזוויטשייקע און שטעל זיך אין אָטשערעד, וואַרפט מען מיך אַרויס פון אָטשערעד. באשר עס איז דאָ אַ „זאַפּיס“. מען דאַרף זיך פאַרשרייבען אין אַ פריערדיגען אָטשערעד, כדי צו שטעלען זיך אין דעם אָטשערעד. טאָ זאָל מען מיך פאַרשרייבען אין יענעם אָטשערעד, כדי איך זאָל זיך קאָנען שטעלען אין דעם אָטשערעד?—איז שוין היינט צו=שפּעט. נעכטען האָט מען פאַרשריבען אויף היינט. טאָ זאָל מען מיך פאַרשרייבען פון היינט אויף מאָרגען?—איז שוין די אָטשערעד פול. איך זאָל קומען מאָרגען, וועט מען מיך פאַרשרייבען אויף איבערמאָרגען.

בין איך געשטאַנען אין אָטשערעד היינט, מאָרגען, איבערמאָרגען מיט און אָן אַ „זאַפּיס“, מיט נומערן און אָן נומערן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך האָב זיך דערלאַנגט צום „טשעקאַ“. זאָגט מיר אַ באַרישניע דאָרטען: אַ פּראָפּוסק געבען מיט'ן גרעסטען כבוד, נאָר וואָס דען? אויף צו קריגען אַ „פּראָפּוסק“ מוז מען צוערשט האָבען „אַ קאָמאַנדיראָווקע“, אַ שליחות, הייסט עס, פון אַ וועלכען ניר איז אַנשטאַלט, אַז איך מוז פאָרען נאָך עפּעס אַ נויטיגע זאַך. וואו זשע נעמט מען „אַ קאָמאַנדיראָווקע“?

און דאָס איז אַ כלל, אַז קאָמאַנדיראָווקעס קריגט מען אין „סאָווגאַרכאָז“—„סאָוועט נאַראָדנאַוואָ כאָזייסטוואָ“, הייסט עס. ווי זשע קומט מען צו צום סאַוונאָרכאָז? טוט גאָט אַ נס, איך האָב אַ טאָכטער, אַ מיידעל, „אוכאַזשעוועט“ פאַר איר אַ בחור, האָט דער בחור אַ שוואָגער, האָט דער שוואָגער אַ גלידשוועסטערקינד, אַ קירושנער, אַ היטעל=מאַכער, הייסט עס, איז ער אַ

קאָמוניִסט און אַרבעט אין „סאָוונאָרכאָז“, אין „סאָוועט נאַראָדנאַוואָ כאָזייסטוואָ“, הייסט עס, ביים אָטדיעל פון געהיִלף־טראַנספּאָרט.

האָב איִך גענומען מיין טאָכטער און ביִן מיִר אַוועק צו איִר בחור, מיִט'ן בחור צו זיין שוואָגער, מיִט'ן שוואָגער צו זיין גליִד־שוועסטערקיִנד, דעם קיִרזשנער אין „סאָוונאָרכאָז“. לאָזט זיִך אויס, אַז דער גליִד־שוועסטערקיִנד דער קיִרזשנער אַרבעט גאָרניִשט אין „סאָוונאָרכאָז“, נאָר אין „קאָלגאָרכאָז“ — „קאָלאָניאַלנאָיע גאָראָדסקאָיע כאָזייסטוואָ“, הייסט עס; קום איִך אין „קאָלגאָרכאָז“, שיִקט מען מיִך אָפּ אין „נובפּראדקאָם“ — גובערנסקיִ פּראָדאוואָלסטווענניִ קאָמיִטעט“, הייסט עס. קום איִך אין „גובפּראָדקאָם“, שיִקט מען מיִך אָפּ אין „גאָרפּראָדקאָם“ — „גאָראָדסקאָי פּראדאוואָלסטווענניִ קאָמיִטעט“, הייסט עס. קום איִך אין „גאָרפּראָדקאם“, נעמט מען מיִך אויף מיִט'ן גרעסטען הדרת הכבוד. אַזאַ צד איִן דער משפחה! און מען איִז מיִר גרייט צו געבען „אַ קאָמאַנדיִראָווקע“, איִך זאָל פאָרען קיין באָברויסק בריינגען אַ טיִנטער טיִנט. אלא וואָס דען? איִך זאָל אָנשרייבען „אַ זאַיאַוולעניע“ און אָנגעבען אין „גאָרפּראָדקאָם“ אַריין.

אויף וואָס זשע שרייבט מען די „זאַיאַוולעניע“? — אויף אַ שטיִקעל פּאַפּיִר? וואו זשע נעמט מען אַ שטיִקעל פּאַפּיִר? איִן אַ פּאַפּיִר־געשעפט. געקומען אין פּאַפּיִר־געשעפט, וויִל מען מיִר ניִשט פאַרקויפען. דאָס גאַנצע פּאַפּיִר איִז סאָציאַליִזיִרט, מען דאַרף האָבען אַ „ראַזרעשעניע“ פון „סאָוונארכאז“. לויף איִך אין „סאָוונארכאז“, בעט מען ביי מיִר אַ באַשטעטיִגונג פון „רייפּראָדקאָם“ — „ראַיאָנניִ פּראָדאַוואַטעלניִ קאָמיִטעט“, הייסט עס. לויף איִך אין „רייפּראָדקאָם“, לאָזט זיִך אויס, אַז דאָ איִז שוין ניִט דער „רייפּראָדקאָם“, נאָר דער „גובפּראָדקאָם“. דער „גובפּראָדקאָם“ האָט רעקוויִזיִרט די דירה ביים „רייפּראָדקאָם“. וואו זשע איִז דער „רייפּראָדקאָם“? דער „רייפּראָדקאָם“ האָט רעקוויִזיִרט די דיִרה ביים „גאָפּראָדקאָם“. וואו זשע האָט זיִך פאָרט איִבערגעצויגען דער „רייפּראָדקאָם“? ווייסט קיינער ניִשט.

האָב איִך דאָך אָבער אַן אייזערנעם קאָפּ אויף די פּלייצעס און שטאָלענע פיִס, האָב איִך געפונען דעם „רייפּראָדקאָם“, גענומען ביי איִם אַ באַשטעטיִגונג אויף אַ בויגעלע פּאַפּיִר צום

„סאָווגאַרכאָז“; אין „סאָוונאָרכאָז“ גענומען אַ „ראַזראַשעניע“ אויף אַ בויגעלע פּאַפּיר צום „צענטראַבום“, דאָס הייסט, צום פּאַפּיר-אָפּטיילונג פון „צענטראָבום“ אין אַ פּאַפּיר-געשעפט. הכלל עס זיינען נישט דורכגעגאַנגען קיין צוויי וואָכען און איך האָב תּיכּף געקריגען אַ בויגעלע פּאַפּיר, אָנגעשריבען די „זאַיאַווע-לעניע“ און, דאַנקען גאָט, עס איז דאָ מיט מזל אַ „קאָמאַנ-דיראָווקע“!

איצט, אַז מען האָט שוין די „קאָמאַנדיראָווקע“ אויף צו פאָרען קיין באָברויסק בריינגען אַ טינט, קען מען שוין פאָרען, נאָר וואָס דען? צו דער „קאָמאַנדיראָווקע“ באַדאַרף מען האָבען אַ „פּראָפּוסק“.

ווי אַזוי איך האָב פּאָרט באַקומען אַ „פּראָפּוסק“—אין פער-טען קאַפּיטעל.

פערטעס קאַפּיטעל.

די „אטשערעד".

איז וואו האַלטען מיר, הייסט עס?—ביי דער „אטשערעד" מען דאַרף זיך אַוועקשטעלען אין אָטשערעד ביי דער „טשרעזוויטשייקע" צו קריגען אַ פּראָפּוסק אויף מיין קאָמאַנדיראָווקע. וואָלט עס מיך אויך ניט געאַרט. וואָרום וואָס איז דען אַזוינס אָטשערעד? אַ זייער פּראָדוקטיווע און פּרוכטבאַרע אַרבעט. ביי אונז, למשל, איז עס פּשוט אַ רגילות געוואָרען. אַ צווייטע נאַטור. איך, למשל, ווען איך דאַרף איצט אַריינגיין אין אַ פּשוט הויז צו אַ באַקאַנטען, מוז איך אַ ביסעל שטיין ביי דער טיר, עלעהיי זאָל דוכטען אַן אָטשערעד. וואָרום ווי נעמט מען דאָס און מען גייט אַריין ערגיץ-וואו אַזוי, אָן אַן אָטשערעד?

איז מיר, פאַרשטייט זיך, דאָס שטיין אין אָטשערעד ניט גאָר אַזוי שרעקליך. אלא וואָס דען? ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס וועט דויערן. און מיין „קאָמאַנדיראָווקע" האָט אַ טערמין, סך-הכל, אויף צען טעג. און אויב עס וועלען דורכגיין די צען טעג, וועל איך שוין אויף דער קאָמאנדיראָווקע קיין פּראָפּוסק ניט קריגען. דאַרף מען זוכען אַ מיטעל ווי אַזוי צוצוקומען אין דער טשרעזוויטשייקע אַריין אָן אָטשערעד. און דאָס קען

מען מאַכען, ווען מען האָט אַ צד. אַ באַקאַנטען, אַ קרוב, וואָס שטייט ביי דער מאַכט.

איינעס אַזאַ, ווי איר ווייסט, האָב איך שוין: יענער קירזשנער, וואָס אַרבעט אין געהילף־אָפּטיילונג ביי דער ער־נערונגס־קאָמיסיע. איז אָבער דער דאָזיגער צד גענוג בלויז אויף דורכצוגיין אין „סאָוונאַרכאָז“, אָדער אויף אַדורכ־צוגיין אין טשרעזוויטשייקע אָן אַן אָטשערעד, דאַרף מען האָ־בען אַ העכערע פּראָטעקציע, פון אַ העכערן מאַכער.

איז אַ נס, אַז דער קירזשנער האָט אַ באַקאַנטען חבר, שמואל־נתן הייסט ער. איך קען אים זייער גוט. ער פאַרגיסט קאַלאָשען. איצט איז ער אַ פּראָקוראָר. ער זיצט אין „נאַרקאָ־מיוסט“—זיין „נאַראָדני קאָמיסאַריאַט יוסטיצי“, הייסט עס, און וואַכט איבער די געזעצן.

דער דאָזיגער פּראָקוראָר שמואל־נתן האָט מיר געגעבען אַ קוויטעל אין „טשרעזוויטשייקע“ אַריין, מען זאָל מיך למע"ה תיכף ומיד דורכלאָזען אָן „אָטשערעד“.

געקומען אין טשרעזוויטשייקע, לאָזט מען מיך ניט אַריין און מען הייסט מיך זיך שטעלען אין אָטשערעד. באשר, פאַר די, וואָס דאַרפען דורכגיין אָן אַן אָטשערעד, איז פאַראַן אַ באַ־זונדער אָטשערעד. ד. ה. אַן אָטשערעד פאַר די, וואָס דאַרפען ניט שטיין אין אָטשערעד.

הכלל, איך האָב געזען, אַז איך וועל זיך פון דעם אָטשע־רעד ניט אויסדרייען. ובאמת, מיט וואָס בין איך בעסער פון אַלעמען? אַ גאַנצע שטאָט—וואָס זאָג איך—אַ גאַנץ לאַנד שטייט אין אָטשערעד. מען גייט ניט, מען לויפט ניט, מען פאָרט ניט, מען שפּאַצירט ניט, נאָר מען שטייט אין אָטשערעד; לאַנגע, לאַנגע שורות מענשען אויף די גאַסען, ביים טראַמוויי, ביים מרחץ, ביים קינאָמאַטאָגראַף, ביי יעדען אַנשטאַלט, ביי יעדען קרעמעל.

און טאָמער געפינט זיך אַ קרעמעל אָן אַן אָטשערעד, שטייט דאָרט אַן אָטשערעד אָנצוקוקען דעם בייז וואונדער: ווי זעט עס אויס אַ קרעמעל אָן אַן אָטשערעד!

אַ מענש אין רוסלאַנד איז שוין לאַנג ניט קיין מענש פאַר זיך, ניט קיין יש, ניט קיין מהות, נאָר אַן אָטשערעד־

שטייער און ווייטער גאָרנישט. מענשען באַגעגענען זיך אין אָטשערעד, שליסען באַקאַנטשאַפט, פאַרפירען ליבעס, האָבען התונה, קינדלען, קורירען זיך, גייען צו קינד (עס טרעפט), שטאַרבען (אוי, אוי ווי עס טרעפט) און לעבען זיך אָפּ אַ לעבען אין אָטשערעד.

רוסלאַנד, זאָגט מען, איז צוריסען אויף שטיקער. דערפאַר אָבער איז פאַראַן איין זאַך, וואָס פאַראייניגט דאָס גאַנצע לאַנד און דאָס איז דער אָטשערעד. אַלעמען אָן אונטערשייד פון ראַנג און שטאַנד, פון נאַציע און גלויבען; אַלע, אַלע אַפילו רעאַקציאָנערען זיינען דאָרטען פאָרטגעשריטען, שטרעבען פאָרויס!..

אָט איך, למשל, ווען איך גיי אין גאַס און דערזע אַן אָטשערעד, וויל איך זיך שטעלען. איך ווייס אפילו ניט, צוליב וואָס דער אָטשערעד שטייט. מהיכי תיתי, לאָמיך שטיין. עפּיס וואָס קען אַרויסקומען: אַ שטיקעל צוקער, אַ פּעקעל טאַבאַק, אַ פּשעפּוסטקע אָדער גלאַט עפּיס אַ טשיקאַווע זאַך. אָט בין איך איינמאָל אין פּעטראָגראַד געשטאַנען אין אַ לאַנגען אָטשערעד, וואו דער עולם האָט זיך געשטופּט צו כאַפּען אַ קוק אויף איינעם אַ פּאַרשוין, וואָס איז געזעסען און—געגעסען! נאָך אין אַ שטאָט האָב איך געזען אַ לאַנגען אָטשערעד, פון טויזענטער נייגעריגע, וואָס האָבען זיך געשטופּט אַ קוק-צוטאָן אויף איינעם אַ פּאַרשוין, וואָס האָט—געאַרבעט.

ובאמת, אַז איך האָב אַ קוק-געטאָן אויף דעם פּאַרשוין, ווי ער האָט געאַרבעט, בין איך נשתומם געוואָרען. אַ מענש האָט געאַרבעט! איך געדיינק ניט אַקוראַט, וואָס ער האָט געטאָן, צי גענייט אַ שוך, צי געמאַכט אַ טיש, נאָר אַלץ אַזעלכע אַרבעטען. וואָס מיר האָבען זיך פון זיי אָפּגעוויינט און וואָס דערמאָנען די אַלטע צעפּוילטע סאָציאַלע אָרדנונג. וואָרום מיר בירגער און בויער פון די נייע לעבענס-פאָרמען האָבען אַ סך בילכערע מלאכות, נויטיגערע און פיל פּראָדוקטיווערע. די מער אַקטיווע האָבען זיך זייער אַרבעט: ווער עס פירט זיך אַ בירגער-קריג, ווער עס גרינדעט נייע רעפּובליקען, ווער עס אַרבעט זיך אויף דעם געביט פון פּראָגראַם-קונסט, קאָנטריבוציעס, פּאַרטיי-קאַמף, שטרייקען, זיצונגען, מיטינגען און דרשות.—אַלץ

אַזעלכע אַרבעט, פון וועלכער אַ לאַנד ווערט נתעשר און בליט אויף, ווי אַ באָקסער.

וואָס איז שייך דעם געוויינליכען בירגער—ער האָט זיך זיין אַ בעט. שפעקולאַציע, שטיין אין אָטשערעד און ציילען געלט.

פינפטעס קאַפּיטעל.

געלט.

ציילען געלט אין רוסלאַנד, דאַרפט איר וויסען זיין, איז אויך איינע פון די גרעסטע און שווערסטע מלאכות און עס פאַרנעמט אַ סך צייט.

אין רוסלאַנד איז פאַראַן תרפ״ט אלפים רעפובליקען, יעדע רעפּובליק האָט זיך אירע עטליכע סאָרטען געלט און יעדע מטבע האָט תרפ״ט אלפים סמנים. וועלכע ס׳איז עכט און וועלכע ס׳איז פאַלש, וועלכע ניי און וועלכע אַלט, וועלכע קנאַקענדיג און וועלכע שמאַטעדיג; קופּאָנעס, מאַרקעס, באָנעס, גריוונעס אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך.

אַ דאַנק דער דאָזיגער גלענצענדער פינאַנציעלער סיסטעם איז דער פּראָדוקטען־טויש אין לאַנד גאָר געהויבען, און יעדע האַנדעלס־אָפּעראַציע ווערט געמאַכט מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ.

אַזוי, למשל, ווען גאָט העלפט אייך און איר געפינט צו קויפען אַ פונטעל ברויט, באַדאַרפט איר דורכמאַכען אַ קליינע און קורצע פּראָצעדור: קודם־כל דאַרפט איר צו היטען, אַז דער אייגענטימער פון דעם פונטעל ברויט זאָל זיין גוט געשטימט. דאַמאָלס גייט איהר אַריין צו אים מיט אַ זיסען שמייכעל אויפ׳ן פּנים. און מיט אַ פריינדליכען „גוט מאָרגען״. שיר וואָס איר כאַפּט זיך ניט קושען. איר פרעגט זיך נאָך אויף זיין געזונט און אויף דעם געזונט פון זיין ווייב און קינדער. איר מעגט זיי אפילו ניט קענען. אויב דערביי שפּילט זיך זיינס אַ קינד, זאָלט איר עס נעמען אויף די הענט און שפּילען זיך מיט אים און טאַנצען און שפּרינגען, און שטיפען, ממש ווי דאָס קינד איז ביי אייך איינגעבאַקען אין האַרצען. דערנאָך הויבט איר אָן פירען אַזוי זיך בהסח הדעת אַ שמועס וועגען וואָס איר

ווילט אַליין, ביז וואַנען איר קומט אַרויף אויף דעם פּונטעל ברויט.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער בעקער איז גרייט אייך אָפּצולאָזען דעם פּונטעל ברויט. אלא וואָס דען? דאָס געלט. וועלכע געלט וועט איר אים געבען? צי קאַרבאָוואַנצעס פון דער „וויניצער דירעקטאָריום“, צי באַנקנאָטען פון דער רעפּובליק „הולאַי פּאָלע“, צי אפשר גאָר געלט פון דער ראַטען־רעפּובליק. פון גרויס געלט וועט ער אייך קיין רעשט ניט געבען און קליינגעלט וויל ער גאָר ניט נעמען. דערצו ווייסט ער ניט, ווי עס האַלט דער קורס פון די געלט און ווי לאַנג די מאַכט וועט אָנהאַלטען, וועלכע רעפּובליק וועט זיך האַלטען און וועלכע וועט פאַלען, און וועלכע נייע מאַכט עס וועט מאָרגען אַרויסשפּרינגען און מיט וואָס דאָס געלט איז גאַראַנטירט, מיט וועלכע פאָנדען און וועלכע גיטער? דערביי גיט ער אייך צו פאַרשטיין, אַז די גלייכסטע זאַך איז, אַז איר זאָלט זיך האַלטען ביי אייער געלט און ער וועט בלייבען ביי זיין ברויט. וואָרום פון דעם געלט ווייסט איין גאָט, וואָס עס קען ווערען, אָבער דאָס ברויט איז ביי יעדער סאָציאַלער און פּאָליטישער אָרדנונג, ביי אַלע רעגירונגען און מאַכטען אַ קרן. אַזאַ טבע האָט אין זיך ברויט...

דאַמאָלס גאַרטעלט איר זיך גוט אונטער און פאַרפירט מיט אים אַ ויכוח און אַ טיפע דיסקוסיע מכוח פּאָליטיקע. איר ווייזט אים אויף הן על פּי חכמת הסטראַטעגיע און דיפּלאָמאַטיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע, אַז קאַפּיטאַל בלייבט קאַפּיטאַל. און אַז געלט איז אַלע מאָל געלט און אַז יעדע קאָפּיקע איז גאַראַנטירט און רוסלאַנד וועט צאָלען—ווי אַ טאַטע וועט זי צאָלען! רוסלאַנד איז גענוג רייך. קאַווקאַז! סיביר! באַקו! סיבירער גאָלד־גרובען, דאָנער באַסיין, באַקוער נאַפט, אוקראַינער ברויט!... אַ קלייניגקייט אַזעלכע אוצרות! דער קאָפּ אייערער אַרבעט. און ניט אַזוי דער קאָפּ ווי דער מאָגען. ער שאַפט אייך אַזאַ חתוך־הדבור, אַז נאָך איין שעה דיסקוסיע און אייער פריינט דער בעקער ווערט באַזיגט. ער אָשטייט. איר הויבט אים אָן אויסצאָלען 25 רובל מיט 5—10—15־קאָפּיקענע מאַרקעס אָדער אוקראַינישע שאַגעס, דאָס נע־

דויערט ניט לאַנג. סך־הכל אַ שעה מיט אַ פערטל צייל‌ען.

דערזעט דער בעקער די מאַרקעס, וויל ער גאָר נישט. ער וויל נישט די דאָזיגע שמאַטעס, מחמת זיי זיינען ס׳רוב פאַלשע. גיט איר דאָך אים צו פאַרשטיין, אַז, אדרבה, ווייל זיי זיינען פאַלשע, זיינען זיי דאָך די ריכטיגע, מחמת קיין ריכטיגע זיינען בכלל נישטאָ. אַבי זיי גייען, און וויבאַלד זיי גייען, איז עס אַ מטבע עובר לסוחר, וואָרום געלט איז דאָך ניט מער ווי אַ הסכם. וכדומה אַזעלכע סברות. געפעלען אים ניט די דאָזיגע טעאָריעס. וואָס־זשע וויל ער? ער וויל „קע־רענקעס".

מילא, זאָל זיין קערענקעס. קערענקעס איז שוין אַביסעל רעיעלער. נאָר וואָס דען? מען דאַרף עס אויך גוט דורכזען, אויספאָרשען און רעווידירען. אַ קערענקע האָט ליב מען זאָל גוט באַטראַכטען. צוערשט אויפ׳ן שיין, צי עס איז דאָ די וואַסער־פלעקען. און אויב עס איז דאָ וואַסער־פלעקען, טאָ וועלכע פאָרם האָבען זיי. מוז מען די קערענקע אוועקלייגען אויף דער האַנט און נאָכזען דעם שאָטען, וואָס די פלעקען וואַרפען: צי עס האָט דעם ריכטיגען ריסונעק. בכלל דאַרף מען אויף קערענקעס זיין אַ מבין, ווייל ניט אומעטום מאַכט מען זיי גלייך. אָדעסער מלאכה, למשל, טויג אויף כפרות, צוליב די וואַסער־פלעקען. ווי ניג וואַסער אין דער קערענקע. דאַגעגען אין זשיטאָמיר מאַכט מען דיר אָפּ אַ קערענקע, איז עס אָגיל ואשמח׳דיג, די אמת׳ע וואַסער. הגם אין פלוג גע־נומען האָט אין אַ אָדעסער קערענקע באַדאַרפט זיין מער וואַ־סער. אַ שפּאַס, אַזאַ שוואַרצען ים פאַרמאָגען זיי! איך פאַר־שטיי טאַקי ניט, פאַרוואָס די אָדעסער מאַכער זשאַלעווען אַזוי אַביסעל וואַסער? די יעקאַטערינאָסלאַווער „בעלי־מלאכות", זעט איר, טוען בעסער. זיי מאַכען דורכזיכטיגע פלעקען מיט אייל אָדער מיט אַזאַ פעטס. דעריבער אויב איר ווילט וויסען צי איז דאָס יעקאַטערינאָסלאַווער אַרבעט, מוז מען די קערענקע צוערשט אַ שמעק טאָן, דערנאָך אַ לעק טאָן. אָט די אַלע עובדות און צערעמאָניעס ווערען דורכגעמאַכט איבער יעדע מטבע פון מוכר און קונה ביי יעדען האַנדעל פון דעם מוכר׳ס ווייב און קינדער און פון די זייטיגע, וואָס שטייען דערביי.

און אַזוי ־עט איִר, ווי אַ גאַנצע באַפעלקערונג ציילט געלט, שמעקט און לעקט, קוקט אויף דער זון, סאָרטירט, פרעסט, שטודירט, בייט, חלפ׳ט. די פינאַנסען בליען, דער האַנדעל וואַקסט און דאָס וואוילשטאַנד פון לאַנד שטייגט.

נאָר דאָס אַלץ דערצייל איך אייך אַזוי זיך, אגב־אורחא. ווי אַזוי אָבער איך האָב פאַרי געריגען אַ פראָפוסק און אַרויסגעפאָרען פון עוו—יו גוי דעם איִן זעקסטען קאַפיטעל.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

הויז=קאָמיטעטען.

מיר ווייסען, אַלזאָ, מיט וואָס אַ רוסישער בירגער איז באַשעפטיגט אין רוסלאַנד און אויף אוקראַינע: ניט בירגער=קריג, שטיין אין אָטשערעד און ציילען געלט.

פאַראַן אָבער נאָך עטליכע באַשעפטיגונגען, וואָס מיר טאָרען זיי נישט פאַרבייגיין. קודם=כל די הויז=שמירה. יעדעס הויז האָט זיך זיין הויז=אָרגאַניזאַציע מיט אַ הויז=קאָמיטעט, מיט אַ פאָרזיצענדען, מיט אַ סעקרעטאַר, מיט אַ הויף=קאָמענדאַנט, מיט אַ הויף=שוץ, מיט וואַלען. מיט איין וואָרט, אַ מלוכה בפני עצמה אויף אויטאָנאָמיש=קאָמוניסטיש=סאָציאַליסטישע יסו=דות.

יעדער בעל=הבית, יעדער שכן אָדער שכנה מוז זיין אַ מיטגליד פון דעם דאָזיגען הויז=קאָמיטעט און טראָגען אויף זיך אַלע התחיבות'ן: צינזען, אָפּצאָלונגען, באַזוכען די זיצונ=גען און באַראַטונגען. אייגענטליך איז עס נישט קיין זיצונ=גען, נאָר „שטייאונגען", מחמת די זיצונגען ווערען מערסטענטייל אָפּגעהאַלטען שטייענדיג אויף די טרעפּ; דאָס איז, ווייל די קאָמוניסטישע טענדענצען זיינען זייער שטאַרק, וויל יעדער איינער, אַז מען זאָל אָפּהאַלטען די זיצונג ביי אַן אַנדערן, דער אַנדערער — ביי אַ דריטען. אַזוי לאַנג, ביז מען קומט זיך צונויף אויף אַ נייטראַלען רשות=הרבים'דיגען באָדען, אויף די טרעפּ.

דאָ ווערען די באַראַטונגען אָפּגעהאַלטען אויף אַן עכט=פּאַרלאַמענטאַרישען שטייגער, מיט באַריכטען, דיסקוסיע, העגט=הויבעניש וכדומה. וויפיל פאַרבאָרגענע רעדנער=טאַלענ=

טען און גוואַלדאָוונע כּלל־טוערישע פּייהיקייטען ס׳זיינען דאָ אַנטפּלעקט געוואָרען.

נאָר אויך דאָ ווערען די בירגער נישט אויסגעגלייכט.

דאָ, אויף די משופּע׳דיגע טרעפּ שטייען איינע העכער, די אַנדערע נידריגער.

דער סאָציאַלער לייטער לאָזט זיך אויך דאָ פילען. סיידען מ׳זאָל די טרעפּ לאָזען בויען פלאַך האָריזאָנטאַל און נישט משופּע׳דיג. אפשר וועלען מיר דאָס אויך דורכפירען. אין דעם לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגליכקייטען איז אַלץ מעגליך. הכּלל מען „זיצט".

יעדע זאָרג, יעדער מאַנגעל אין הויף רופט־אַרויס אַ נייע זיצונג. און אַזוי ווי די זאָרגען און די מאַנגלען זיינען לרוב, האַלטען די שכנים אין איין זיצען און באַראַטען זיך. דערביי שפּירט זיך די גרויסע אחדות־קאָמוניסטישע שטימונג ביי די אַלע איינוואוינער פון הויף. אַזוי, למשל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען קוילען אויף ווינטער, קומען אַלע אויף דער זיצונג, אַ חוץ די יעניגע, וועלכע האָבען זיך שוין פאַר־וואָרט באַזאָרגט מיט אַ ביסעל האָלץ. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דאַמף־באַהייצונג, קומען אַלע, אַ חוץ די, וואָס האָבען פּאַרטיגע אויוועגס ביי זיך אין שטוב. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פּאַרריכטען די „ליפט", קומען אַלע פון די אויבערשטע שטאָקען, אַ חוץ די, וואָס וואוינען אין דער נידער. מיט איין וואָרט—קאָמונע פון קאָמונע־לאַנד.

בלויז אויף איין געביט קומען זיך אַלע צוזאַמען,—דאַן, ווען מען דאַרף פּלעטען אַ פּאָר קאַלאָשען, וואָס דער הויף האָט באַקומען פון דעם פּראָוויאַנט־מיניסטעריום און ווען מען דאַרף גרינדען אַ הויף־שוץ.

יעדער איינער, אָן אונטערשייד פון עלטער און געשלעכט, רייך צי אָרים — מוז שטיין אַ פּאָר שעה אין מעת־לעת אין הויף אויף דער וואַך, און שיצען דעם הויף פון באַנדיטישע אָנפאַלען. דערצו העלפט נישט קיין בראַק קיין לגאָטע, נישט קיין מום, אַלע מוזען טראָגען אויף זיך די דאָזיגע פליכט.

אָט נעמט, למשל, מיך. די גרעסטע מאָבּיליזאַציע האָט

מיך שלימַזל א׳יסגעמיטען, אַ יעדער פּריזיוו האָט מיך ערקלערט פאַר „ניע גאָדיען“ און דאָ בין איך אַ גאַנצער וואָיאַקע, אַ קאָמענדאַנט אַ פעלדמאַרשאַל. שטיי מיר אָנגעגורט מיט אַ שווערד און מיט אַ גרויסען ביקס אין מיטען דער נאַכט אויפ׳ן הויף, לאָקער אויף אַלע זייטען, און קוק: וואוהין, איך אַ שטייגער זאָל זיך אין פאַל פון אַ באַנדיטען־אָנפאַל, מיט מיין גאַנצען ביסעל כלי־זין, באַהאַלטען...

דער דאָזיגער שוץ איז געמאַכט געוואָרען, צוליב די איבערגאַנגס־מאָמענטען פון איין מאַכט און דער צווייטער. ווארום אַז איין מאַכט גייט אַוועק און ביז די אַנדערע מאַכט קומט, בלייבט די שטאָט אָן אַ שמירה. קומען באַנדיטען און ריכטען אָפּ זייערע וויזיטען. און אַזוי ווי די מאַכטען האַלטען אין איין אַוועקגיין און אין איין קומען, און אַזוי ווי פאַר׳ן אַוועקגיין האַלט יעדע מאַכט פאַר איר חוב אַרויסצולאָזען אַלע באַנדיטען פון די טורמעס, (מסתמא, כדי צו ווייזען באַשיינפערליך, אַז אָן איר איז די אָרדנונג נאָך ערגער) און עס הערשט די פולע אַנאַרכיע, און אַזוי ווי פון יעדען באַנדיטישען וויזיט קומט דעם בירגער אין קעשענע גאָרנישט אַריין, — מוזען זיך אַלע שכנים אָרגאַניזירען אין איין הויף־שוץ און באַזאָרגען זיך באַצייטענס... מיט קעלערס און בוידימער...

ווער עס האָט געזען די רוסישע בירגער אין קעלער אָדער אויפ׳ן בוידעם, דער האָט ווירקליך קיין בעסערע קאָמונע נישט בייגעוואוינט.

די פראַקטיק האָט באַוויזען, און איך אַלס קאָמענדאַנט קאָן עדות זאָגען, אַז אָט דער בין הזמנים — צווישען איין מאַכט און דער צווייטער, דוקא ווען די שטאָט בלייבט אָן אַ שמירה און עס הערשט אַנאַרכיע, איז די לאַגע גאָרנישט אַזוי געפערליך. אַ סך ערגער איז, ווען אַ נייע מאַכט קומט אָן און הויבט אָן אויסראָטען די „פערעטערישע עלעמענטען“ און הויבט אָן „שיצען“ אייער לעבען, אייער האָב און גוטס, און הויבט אָן צו „באַרוהיגען“ די באַפעלקערונג און היינגט פונאַנדער באַרוהיגונגס־פּלאַקאַטען און דעקרעטען אויף די ווענט און אגב עטליכע צענדליג בירגער אויף די לאַמטערן־סלופּעס, און הויבט־אָן צו זוכען געוועהר לשם רו־וועגען, — דע־

מאָלט, זעט איר, איז גאָר ביטער.

נאָר מיר, בירגער, זינדיגען ניט, אדרבה, מיר זיינען צופרידען מיט יעדער מאַכט, וואָס איז מנצח און רייסט זיך אריין אין שטאָט מיט אַ צעיושעטער אַרמיי און אַ שטאַרקע אַרטילעריע. והראיה — יעדע מאַכט באַגעגענען מיר מיט ברויט און זאַלץ און אַ פיינע קאָנטריבוציע. אַקעגען יעדע מאַכט שיקען מיר אַרויס דעפּוטאַציעס מיט אַ ברייטען ברוך־הבא. אַי וואָס עס טוט זיך חושך? אין דעם איז די נאָר־וואָס אריינגעקומענע מאַכט גאָט די נשמה שולדיג, נאָר יענע, די באַזיגטע, וואָס אַרבעט יעצט אין „פּאָדפּאָליע" און „פּאַרטיזאַניש" און טוט אונז, בירגער, אָן געברענטע ליידען, לשם אַגיטאַציע ווענען, צו אַגיטירען אונז פאַר אירע פּרינציפּען, כדי מיר זאָלען מיינען, אַז דאָס טוט אונז די נייע מאַכט און מיר זאָלען בייגקען נאָך דער אַלטער. דערפאַר אָבער, אויב יענע, די אַלטע מאַכט, וועט אַריינקומען און אַרויסטרייבען די נייע מאַכט, וועט די נייע מאַכט אונז אָנטאָן אַזעלכע צרות, אַז מיר וועלען בייגקען צוריק נאָך דער אַלטער מאַכט און ווערען דורכגעדרונגען מיט אירע אידייען.

אַזוי, למשל, אין קיעוו.

אַז די אוקראַינער זיינען אַריין, האָבען מיר געהאַט צרות מיט מהומות. האָבען די אוקראַינער געזאָגט און געשוואוירען אויף זייער נאמנות (און מען מעג זיי גלויבען), אַז דאָס טוען די באָלשעוויקעס, כדי צו קאָמפּראָמיטירען די אוקראַינער. האָבען מיר געבייגקט נאָך אַ דריטע מאַכט. און אַז די דריטע מאַכט איז געקומען, האָבען אונז די פריערדיגע צוויי מאַכטען דערגאַנגען אַזוי די יאָרען, מסתמא, כדי צו „קאָמפּראָמיטירען" די דריטע מאַכט און מיר זאָלען בייגקען נאָך די פאָריגע צוויי מאַכטען מיט זייערע אידעאַלען. און אַזוי ווי אין קיעוו גייט אַ קאַדריל־טאַנץ פון עטליכע מאַכטען, וואָס גייען אַריין און אַרויס, און יעדע מאַכט וויל „קאָמפּראָמיטירען" די אַנדערע און געבען אונז די געהעריגע „אַגיטאַציע" פאַר אירע אידעאַלען, פאַרשטייט זיך, אַז מיר ליגען גוט אין דר'ערד.

און דאָס איז די הויפּט־באַשעפטיגונג פון אַ רוסישען

בירגער בכלל און פון אַ אידישען בירגער בפרט.
ליגען אין דר'ערדי
מחשבות'ן, איר ווילט דאָך וויסען וועגען מיין רייזע,
האָט געדולד. איך האָב אויף אייך מער געוואַרט.

זיבעטעס קאַפּיטעל.

שילדען.

איידער מיר וועלען זיך אומקערען צוריק צו מיין רייזע, צו דער „אָטשערעד", וואו איך שטיי אויף צו קריגען אַ „פּראָפּוסק" אויף מיין רייזע, מוז איך אייך דערציילען נאָך אַ ביסעל וועגען די באַשעפטיגונגען און טואַכצען פון אַ רוסישען בירגער. וועגען אַ סך באַשעפטיגונגען ווייסט איר שוין: ווי שטיין אין אָטשערעד, ציילען געלט, היטען זיך פון אָנפאַלען, באַהאַלטען זיך פון פּאָגראָמען, צאָלען קאָנטריבוציעס און נעמען קאָנטריבוציעס וכדומה אַזעלכע פּראָדוקטיווע און פּראַקטישע אַרבעט.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. פאַראַן נאָך אַ מלאכה: איבערמאָלען און איבערשרייבען די שילדען.

דאָס איבערמאַכען שילדען איז אייגענטליך אַן אַלטע עובדה. און עס האָט שוין איר געשיכטע.

נאָך העט-ווייט, פאַר דער מלחמה, האָבען סוחרים שוין געהאַט אַ געוויינהייט איבערצושרייבען די שילדען אויף דער ווייב'ס נאָמען. דאָס איז געווען אַ מין ערען-אַקט פון אַ סוחר, אַ כּבוד'יגע פינאַנציעלע פונקציע. עס זיינען אָבער געווען

איבערמאַכען פון שילדען צוליב נאַציאָנאַלע פּאָליטישע און פּאַטריאָטישע טעמים.

אַזוי, למשל, איז מיט מיין פריינט הירשעל, וואָס וואוינט אין קיעוו; ער האָט אַ פריזיר־אַנשטאַלט אויף אַ גויעשער גאַס מיט אַ שילד „בערלינסקאַיאַ פּאַריקמאַכערסקאַיאַ, גריגאָריאַ מה־יפיתאָוואַ". אַזוי הייסט ער מה־יפית, נאָר אויפ'ן שילד לייגט ער צו אַן אָוו צום סוף — מה־יפיתאָוו, מחמת אַלע רוסישע פאַמיליע־נעמען ענדיגען זיך אויף „אָוו": פּאָפּאָוו, איוואַנאָוו, באַלאַשאָוו, תשעה־באב וכדומה. פאַר „טשיק" האָט ער מורא, מחמת אַ פאַמיליע־נאָמען, וואָס ענדיגט זיך אויף „טשיק", איז אַ אידישער נאָמען. דערזעלבער „סאָלאָוויי" אָדער „וואָראָביי", ווען זיי ענדיגען זיך אויף „אָוו", איז עס טאַקי רוסישע נעמען: סאָלאָוויאָוו, וואָראָביאָוו; ווי נאָר זיי ענדיגען זיך אויף „טשיק", ווערען זיי אידישע נעמען: סאָלאָווייטשיק, וואָראָבייטשיק א. א. וו.

מומחים פילאָלאָגען זאָגען, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אַ גוי האָט ליב אַריינצוגיסען אַ היבש גלעזעל און אַ איד נעמט נאָר אַ קאַפּעטשקע.

נאָר דאָס געהערט ניט צום ענין.

אין אַ שיינעם פרימאָרגען איז געקומען אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע שילדען פון אידישע געשעפטען זאָלען טראָגען אידישע נעמען.

שמעקט עס ניט מיין פריינט הירשלען, האָט ער זיך אַן עצה געגעבען און אויפגעשריבען אויפן שילד „גראַסים מה־יפיתאָוויטש". ס'הייסט, אַז מען וויל, איז עס אַ איד, און אַז מען וויל, איז עס אַ גוי נאָר גיכער אַ גוי. איז אָבער דער פּריסטאַוו פון יענעם באַציִרק געווען אַ האַרטער גוי, אַ המן און פאַרפירט געגען מיין פריינט הירשלען אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבען. איז הירשעל געפאַלען אויף אַ שפּיצעל און איבערגעטאָן דעם „גראַסים מה־יפיתאָוויטש" אויף „הערמאַן מה־יפיתזאָן", עס זאָל הייסען האַלב איד האַלב אויסלענדער, גיכער אַן אויסלענדער — אַ דייטש. נאָר דער פּריסטאַוו. ימח שמו, האָט אים ניט אויפגעהערט צו רודפ'ן. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מיין פעטער האָט זיך געמוזט אינגאַנצען אונטערגעבען און אָנשרייבען זיין אמת'ן נאָמען פון פּאַספּאָרט, „הערשקאַ מה־

יפית".

מיינט איר, שוין געפטרט אַן עסק? ווארט־זשע.

ס'האט אויסגעבראָכען די גרויסע וועלט־מלחמה. אין אַ שיינעם פרימאָרגען קומט דער פריסטאַוו ווידער צו מיין פריינט.

— הערשקא—זאָגט ער—מיר האַלטען דאָך יעצט מלחמה מיט'ן דייטש, איז אַ יושר, אַז דו זאָלסט איבערמאַכטן דיין שילד. ווערט דאָך דאָס אידעל נשתומם: וואָס פאַר אַ שייכות האָט זיין שילד צו דער וועלט־מלחמה? גיט אים דער פריסטאַוו צו פאַרשטיין, אַז עס האָט יאָ אַ שייכות, מחמת אויפ'ן שילד שטייט ביי אים „בערלינסקאַיאַ פאַבריקמאַכערסקאַיאַ", פּאַסט ניט, אַז בערלין זאָל איצט זיין אַ פירמע. אַ סך שענער וועט זיין און אַ סך פּאַטריאָטישער, ווען ער זאָל אויפשרייבען אויפ'ן שילד „פרשעמיסלאָווסקאַיאַ פאַבריקמאַכערסקאַיאַ", ווייל פרשעמיסל האָט מען נאָר־וואָס גענומען, און עס איז שמחה וששון.

מיין פריינט הירשעל האָט געדונגען אַ פאַרבער, אַ שילדען־מאַלער, און גלאַט מענשען, אַראָפּגענומען דעם שילד, אָפּגעמעקט דעם „בערלינסקאַיאַ" און אויפגעשריבען „פרשעמיסלאָווסקאַיאַ".

אין אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז דער פריסטאַוו ווידער געקומען. „הערשקאָ—זאָגט ער—פרזשעמיסל האָט מען ביי אונז צוגענומען. מען דאַרף איבערמאַכען דעם שילד. מען דאַרף אויסמעקען דאָס וואָרט „פרזשעמיסלאָוו". — וואָס דען זאָל איך שרייבען?—פרעגט הירשעל—איך דאַרף דאָך האָבען אַ פירמע? „איך ווייס?—ענטפערט דער פריסטאַוו—„שרייב „וואַרשאַווסקאַיאַ פאַבריקמאַכערסקאַיאַ"; כ'לעבען ניט מאוס. ערשטענס, איז וואַרשאָ אַ שיינע שטאָט און, צווייטענס, איז אָט שוין באַלד אַ יאָר, אַז מיר באַזיצען זי העלדיש. דער דייטש קאָן זי ניט נעמען.

מיין הירשעל שיקט ווידער נאָך דעם שילדען־מאַלער און מען מאַכט איבער דעם שילד פון „פרזשעמיסלאָווסקאַיאַ" אויף „וואַרשאַווסקאַיאַ". אויפגעהאַנגען, צוגעשלאָגען.—דער פריסטאַוו איז ווידער דאָ.

— „הערשקאָ—זאָגט ער—מען דאַרף איבערמאַכען דעם שילד: וואַרשאָ איז שוין ניט ביי אונז".

ווערט שוין מיין איד גוט אין כעס און עס פארק־עמט אים דאָס האַרץ:

— „גאָספּאָדין פּריסטאַוו—זאָגט ער—איר ווילט מיך פאַר אַן אָרימאַן מאַכען. איך האָב שוין קיין כח ניט דעם שילד צו שלעפען אַרויף און אַראָפּ און דינגען מאַלערס און קויפען פאַרב. איך וועל דאָך בדיל הדל ווערען!“

גיט דער פּריסטאַוו אויף אים אַ געשריי און אַ טופּ מיט׳ן פוס:

— מאַלטשאַט! זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! טי או מעניאַ סטאָראַז פּערעקראַסיש! ד. ה. שווייג זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, דו וועסט ביי מיר הונדערט מאָל איבערפאַרבען! אַ איד מוז זיין אַ פּאַטריאָט!

דער לעצטער מאָטיוו האָט מיין פעטער אינגאַנצען איבערצייגט, מחמת מיין פריינט הירשעל איז טאַקי אַ פּאַטריאָט גוּ. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ איבערפאַרבעניש. אַלע טאָג אַ נייער נאָמען: פון „וואַרשאַווסקאַיאַ“ אויף „ליבאַווסקאַיאַ“, פון „ליבאַווסקאַיאַ“ אויף „ברעסטסקאַיאַ“, פון „ברעסטסקאַיאַ“ אויף „ווילענסקאַיאַ“ און אַז. וו., א. א. וו...

יעדען טאָג פלעגט דער פעטער הירשעל אַראָפּנעמען דעם שילד, קויפען פאַרב. אַ פאַרבער האָט ער שוין געהאַט אַ דיימישען, אויף יערליכען געהאַלט, און מען האָט געמעקט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זיך אפּגעשטעלט אויף „פּעטערבורג“. „פּעטערבורגסקאַיאַ פאַריקמאַכערסקאַיאַ“ אַ טייערער נאָמען. אי שיין, אי פּאַטריאָטיש און אַ האָפנונג, אַז עס וועט אָנהאַלטען.

גייט ניט אַזוי אַוועק קיין אַכט טאָג און עס שפּרינגט פּלוצלונג אַרויס אַ נייע פאַראָרדנונג, און פון סאַמע קייסער אַליין „פּאָ וויסאָטשיישעמו פּאָוועלעניו“, הייסט עס, אַז פון היינט אָן איז שוין פּעטערבורג ניט פּעטערבורג, נאָר „פּעטראָגראַד“. און ווידער אַמאָל וואַקסט־אויס דער פּריסטאַוו:

— „הערשקאָ! מען דאַרף איבערמאַכען דעם שילד. אויס פּעטערבורג, פּעטערבורג איז אַ דייטשיש וואָרט. אָבער פּעטראָגראַד איז עכט רוסיש, דעריבער זאָלסטו תיכף ומיד איבערמאַכען פון „פּעטערבורגסקאַיאַ פאַריקמאַכערסקאַיאַ“ אויף „פּעטראָגראַדסקאַיאַ פאַריקמאַכערסקאַיאַ“.

הכלל, פריינט הירשעל האָט איבערגעשריבען פון „פע־טערבורגסקאַיאַ“ אויף „פעטראָגראַדסקאַיאַ“.

די דאָזיגע מלאכה, וואָס האָט בלויז באַשעפטיגט יחידים, איז דערנאָך געוואָרען אַ מכת מדינה, ד. ה. אַ באַשעפטיגונג פאַר׳ן גאַנצען לאַנד, פאַר אַלע בירגער.

אַז עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע, איז אין גאַנץ רוסלאַנד געוואָרען אַן איבערשרייבעניש פון די שילדען. מדינה ומדינה ככתבה כל עם ועם כלשונו.

אוקראַינע איז געוואָרען „סאַמאָסטיינע“, זעלבסטשטענדיג, מיט אַ ראַדע, און עס קומט אַ פאַראָרדנונג, אַז די שילדען זאָלען ווערען איבערגעשריבען אויף אוקראַיניש. אידען האָבען באַקו־מען פערסאָנאַל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און עס איז געוואָרען נאָך מער ווי אַ יושר פאַר יעדען אידען אָנצושרייבען אויף די שילדען אויך אויף אידיש. ציוניסטען האָבען נאָך לשם דע־מאָנסטראַציע וועגען געלאָזען אויפשרייבען אויף די שילדען אויך אויף לשון קודש. זיינען געקומען די באָלשעוויקעס, צו־טריבען די אוקראַינישע ראַדע און אַרויסגעלאָזען אַ דעקרעט, אַז אויף די שילדען זאָל מען צוריק אויפשטעלען דעם רוסי־שען אויפשריפט און אויסמעקען דעם העברייאישען, ד. ה. או־קראַיניש, רוסיש און אידיש. איז די ראַדע אַוועק און געבראַכט דעם דייטש. דער דייטש האָט אַוועקגעזעצט דעם העטמאַן און גערעכטען, אַז עס וועט זיין זייער גלייך, אַז מען זאָל אויף די שילדען אויך צושרייבען אויף דייטש. זאָל דער דייטשער סאָלדאַט אויך וויסען, וואָס אין געשעפט פערקויפט זיך.

פאַרטיג געוואָרען מיט די שילדען אויף פיר שפראַכען: רוסיש, אידיש, אוקראַיניש און דייטש,—איז דער דייטש נעלם געוואָרען. פעטלוראַ איז אויפגעשטאַנען, אַראָפגעוואָרפען דעם העטמאַן און אַרויסגעלאָזען אַ שטרייגע פאַראָרדנונג, אַז אין 24 שעה זאָלען אַלע שילדען איבערגעשריבען ווערען נאָר אויף אוקראַיניש. פון דייטש און רוסיש זאָל קיין זכר ניט בלייבען. אידיש מעג בלייבען און דאָס מיט קליינע אותיות.

אַזעלכע פאַראָרדנונגען האָבען זיך געביטען טאָג־איין, טאָג־אויס. ביי יעדער אַ זעלכער פאַראָרדנונג האָבען די בירגער בעהאַט איין געשעפט: קריכען אויף די גלייכע ווענט, שלע..ען

לייטערס, רייסן די שילדען, קראַצען, וואַשען, מעקען, מאָלען, לאַטען, שמירען...

די געשעפטען זיינען שוין לאַנג חרוב ומוחרב. אין די קראָמען איז שוין לאַנג פוסט און וויסט, נאָר דער בירגער האָט איבערגעמאַכט די שילדען, געמעקט און פאַרמעקט, געשריבען און איבערגעשריבען.

קלוגע בירגער האָבען ניט איבערגעשריבען די שילדען, נאָר פאַרקלעבט מיט פאַפיר דאָס וואָס מען טאָר ניט און איבערגעלאָזען דאָס, וואָס מען דאַרף, כּדי מאָרגען אַראָפּרייסען דאָס פאַפיר פון דעם, וואָס מען מעג, און פאַרקלעבען דאָס, וואָס מען טאָר ניט.

נאָך קליגערע בירגער האָבען פאַרקאַלכט די פאַרבאָטענע שורות אויף די שילדען מיט קאַלך. וואָרום ביז דער ערשטער רעגען וועט אַראָפּשווענקען, וועט עס שוין ווערען ערלויבט פון אַ נייער רעגירונג.

פאַראַן אָבער גאָר אַזעלכע ערפינדער און מעכאַניקער, וואָס האָבען ביי זיך איינגעאָרדענט שילדען, וואָס דרייען זיך ווי אַ דריידעל און צו יעדער צייט קאָן עס אַרויסגעדרייט ווערען מיט דעם געהעריגען אויפשריפט אויף אַ געהעריגען לשון. דער אויפשריפט איז דאָרט געמאַכט געוואָרען אויף אַלע זיבעציג לשונות. וואָרום ווער ווייס נאָך, וואָס פאַר אַ רעגירונג עס וועט קומען, פון וועלכע אומה־ולשון און וועלכע שפּראַך מען וועט פאָדערן.

און אַזוי זעען זיי אויס די שילדען אין יעדער שטאָט אין רוסלאַנד, איבערהויפּט אין די אָקופּאַציאָנס־געגענדען און נייע רעפּובליקען, ווי די מאָדערנסטע און קונציגסטע פוטוריסטישע בילדער, אַ צוגאָב צו די פוטוריסטישע פּלאַקאַטען און געמעלכצען, מיט וועלכע אַלע ווענט און הייזער זיינען יעצט באַצירט און באַפּוצט.

מען שמועסט, אַז די אַלע רעגירונגען זאָרגען אפילו אויך פאַר דער עסטעטיק און שיינהייט פון לאַנד.

אכטעס קאַפּיטעל.

ווידער אַמאָל די „אָטשערעד״
און ווידער אַמאָל דער „פּראָפּוסק״.

קערען מיר זיך אום צו דער „אָטשערעד״.

שטיי איך, הייסט עס, אין „אָטשערעד״ ביי דער „טשרעז־וויטשייקע״ צו קריגען אַ „פּראָפּוסק״. סך־הכּל נאָך עטליכע און צוואַנציג פּאַרשוין שטייען פון פאָרענט. עס וואָלט שוין גע־ווען אַ סך וויינ‍יגער, נאָר פרישע אומגעבעטענע פּאַרשוינען רייבען זיך אַלץ אַריין. ווי אַזוי דאָס ווערט געמאַכט דאַרף איך אייך נישט לערנען. ווער פון אייך, ליבע מענשען, האָט זיך ניט אַריינגע׳גנב׳עט אין אַן אָטשערעד? ווערשט שטעלט מען זיך אַוועק ביי דער זייט פון אַ פּאָר בכּבוד׳יגע מענשען, וואָס זעען־אויס צו זיין וויכ‍ע און רוהיגע מענשען און וואָס זיינען ניט עלול צו מאַכען סקאַנדאַלען און פּראָטעסטען, מען פּאַרפּירט מיט זיי אַ פריינטליכען שמועס, מען ווערט היימיש. די זייטיגע הויבען־אָן מיינען, אַז איר שטייט שוין דאָ מכּמה שנים. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז מען רייבט זיך אַריין.

שטיי איך אַזוי און זע, ווי די „אָטשערעד״ פּאָרענט וואַקסט ווי אויף הייוועז פון שעה צו שעה און עס פּלאַצט מיר דאָס האַרץ. וואָרום קיין איין אָטשערעד־שטייער האָט ניט ליב, ווען די „אָטשערעד״ וואַקסט פון פאָרענט. פון הינטען — מהיכי תיתי, אדרבה, וואָס לייגנער און גרעסער די „אָטשע־רעד״ איז פון הינטען, אַלץ גרינגער ווערט אויפ׳ן האַרצען...

צי ווייזט עס ניט, אַז איין מענש איז געגען אַנדערן

אַ חיה?

איך ווער פֿילאָזאָפֿיש געשטימט. יעדער מענש ווערט אַ ן „אָטשערעד" פֿילאָזאָפֿיש געשטימט. און איך פֿאַרטראַכט זיך איבער דער מענשהייט, איבער דאָס הבל הבל מ׳דיקייט פֿון מענשליכען לעבען, איבער דער אייביקייט, איבערהויפּט אַבער דער אייביקייט. וועגען קיין איין זאַך טראַכט זיך ניט אַזוי שטאַרק אין „אָטשערעד" ווי וועגען דער אייביקייט.

ערשט פּלוצלונג — אַ מהומה: מען שיסט!

און עס לויפֿט אַרויס איינער אַן אָנגעשטעלטער פֿון דער „טשרעזוויטשייקע" מיט אַ פּעקעל ביקסען אין האַנט און שרייט ניט מיט זיין קול:

— צום געווער! צום געווער! טאָוואַרישטש! אַלע מוזען זיך באַוואָפֿענען!

און ער נעמט אונז טיילען ביקסען, רעוואָלווערען און אַנדערע כּלי־זין אויף לינקס און רעכטס.

פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַן איבעראַשונג. נאָר פֿאַר מיינע שכנים, וואָס שטייען שוין עטליכע טעג אין „אָטשערעד", איז עס קיין חידוש ניט געווען: יעדען טאָג, אָדער צייט, זאָגען זיי, ווערט די „טשרעזוויטשייקע" באַפֿאַלען פֿון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, בונטאַרען, פּאָווסטאַנצעס און סתם באַנדיטען. עס ברעכט אויס אַ שלאַכט, און די אַלע, וואָס שטייען ביי דער „טשרעזוויטשייקע" אין „אָטשערעד", ווערען באַוואָפֿענט און העלפֿען אָפּצושלאָגען די אַטאַקעס.

טענה איך צום געווער־פֿאַרטיילער: ווי קום איך צו אַ ביקס? איך האָב קיינמאָל, זאָג איך, קיין ביקס ניט געהאַלטען. ענטפֿערט ער מיר, אַז דאָס איז אַלץ אַמאָל געווען, ביי דער ווילדער בורזשואַזער אָרדנונג, אין די צייטען פֿון דעספּאָטישען מיליטאַריזם, אימפּעריאַליזם וכדומה. איצט אָבער, אין דער צייט פֿון סאָציאַלער פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט מוז יעדער איינער גיין מיט אַ ביקס. וואָרום אַ מענש מיט אַ ביקס איז גאָר אַ געהויבענע זאַך! זאָג איך: גוט. איך בין קאַפּאַבעל צו נעמען אַ ביקס, נאָר מ׳זאָל מיך אַ פֿריער אויסלערנען פֿון וועלכען עק פֿון ביקס מ׳דאַרף שיסען. ענטפֿערט ער מיר, אַז איך וועל שוין אַליין אויסגעפֿינען. דער

עיקר איך זאָל שיסען און קעמפען מיט מסירות־נפש.

באַלד ברעכט אויס אַן אמת׳ע מלחמה. מיט באַרי־קאַדען, הרוגים, פאַרוואונדעטע, געפאַנגענע און „אָן־שפּורען־פאַרפאַלענע". מען שטורמט די „טשרעזוויטשייקע", נאָר מיר שטויסען אָפּ די אַלע אָנגריפען מיט דער גרעסטער העלדישקייט.

מיט איינעם א סאָלדאַט, אַ פּאָוסטאַניעץ, מיט וועלכען איך האָב געהאַלטען אין דורכשיסען זיך, איז פאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך:

איך: וואָס האָסטו צו מיר? פאַרוואָס שיסט דו אין מיר? פּיף!

ער: מען דאַרף אייך אַלע אויסקוילענען. פּיף!

איך: וועמען? פּאַף!

ער: די באָלשעוויקעס. פּיף פּאַף!

איך: אסור זאָל מיר זיין, אויב איך בין אַ באָלשעוויק.

ער: אַלע אידען זיינען באָלשעוויקעס!

איך: פון וואַנען איז די ראיה?

ער: פאַרוואָס פאַרטיידיגסטו די „טשרעזוויטשייקע"?

איך: דו וועסט באַזיגען די „טשרעזוויטשייקע", וועסטו זיך נעמען צו מיר. שוין געטראָפען אַזעלכע מעשות.

ער: און איך שיס אין דיר, ווייל דו באַוואָפענסט זיך און שטיצסט די „טשרעזוויטשייקע".

איך: און איך באַוואָפען זיך, ווייל דו קוילעסט מיך. בעסער געשאָסען ווערען איידער צו ווערען געקוילעט. דאָס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג.

ער: און די „טשרעזוויטשייקע" האָסטו ליב?

איך: ווי ציין־ווייטאָג.

ער: און דו שטעלסט זיך פאַר איר איין.

איך: באין ברירה.

ער: שיצסט דאָס, וואס דו האָסט פיינט?

איך: דאָס ביזטו שולדיג. פּאָגראָמאָשטשיק! פּיף!

ער: באָלשעוויק! פּאַף!

איך: כוליגאַן! פּיף פּאַף!

אָט אַזוי האָבען מיר זיך דורכגעשמועסט און געשאָסען, ביז די מלחמה האָט זיך געענדיגט, די באַנדעס זיינען צוטרי־

בען און די „טשרעזוויטשייקע" איז גערעטעט.

די אַרבעט איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען. מיר האָבען אומגעקערט דאָס געווער און זיך ווידער געשטעלט אין „אָטשערעד", ווי גאַרניִשט געווען.

איין פעולה איז געווען, וואָס די „אָטשערעד" איז שיִ־טערער געוואָרען. אַ סך מענשען האָבען זיך אַרויסגעשלאָגען פון „סטראָי", אַ סך מענשען זיינען פאַרפאַלען געוואָרען „בעז וועסטי" און איך ביִן מיִט מזל צוגעקומען אין קדשי־הקדשים גלייך צו דער „באַריִשנע", וואָס טיילט אויס די „פּראָפּוסקען".

די „באַריִשנע" האָט מיך זייער פיין אויפגענומען און פריינטליך ערקלערט, אַז די „טשרעזוויטשייקע" גיִט שוין לאַנג קיין „פּראָפּוסקען" ניִט אַרויס. זי באַדויערט זייער, וואָס איך ביִן אַזוי לאַנג געשטאַנען אין „אָטשערעד". ניִשקשה, זאָג איך. אדרבה, איך האָב מיך זייער געוויילט אין דער אָטשערעד. איִבערהויפּט ביי דער שלאַכט מיִט די פּאָווסטאַנצעס...

דאָס פריילען דריקט מיר די האַנט און זי שיִקט מיִך אָפּ אין שטאַב פון מיִליִציע. דאָרטען, זאָגט זי, גיִט מען אַרויס פּראָפּוסקען.

ביִן איך געקומען אין שטאַב פון מיִליִציע, געשטאַנען, נאַטיִרליך, אין אָטשערעד, צוגעקומען צום טיִש, וואו מען גיִט די פּראָפּוסקען, — הייסט מען מיר ברייגנען אַ פאָטאָגראַפיִשע קאַרטאָטשקע. אַזאַ פאַראָרדנונג איז פאַראַן.

לויף איך אין „מאָמענטאַ צענטראָקאָמונאָפאָט", ד. ה. אין מאָמענטאַלער צענטראַ־קאָמוניִסטיִשער פאָטאָגראַפיע, וואו מען מאַכט מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפיעס אין אַ משך פון פיִנף מיִנוט און באַשטעל אַ פאָטאָגראַפיִשע קאַרטאָטשקע. גייט ניִט דורך קיין פיִנף טעג און איך האָב שוין די מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפיִשע קאַרטאָטשקע אין האַנט, לויף מיִט איר אין שטאַב פון מיִליִציע. באַגעגענט מען מיִך מיִט אַ נייס: פאַר דער צייט איז באַשאַפען געוואָרען אַ נייע פאַראָרדנונג: אָנ־שטאָט איין קאַרטאָטשקע, באַדאַרף מען האָבען צוויי קאַרטאָ־טשקעס.

לויף איך ווידער אין „מאָמענטאַ צענטראַקאָמונאָפאָט" און באַשטעל אַ צווייטע מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפיע. גייט ניִט

דורך יוידער א מאָל קיין פינף טעג און איך האָב שוין די צווייטע קאַרטאָטשקע.

לויף איך אין שטאַב פון מיליציע: אזוי און אזוי; איך האָב שויןביידע קאַרטאָטשקעס — א פּראָפּוסק. לאָזט זיך אויס, אז מען דאַרף שוין קיין פאָטאָגראַפישע קאַרטאָטשקעס איינגאַנצען ניט האָבען. די גאַנצע גזירה פון די פאָטאָגראַפיעס איז שוין אָפּגעשאַפט. נו? טאָ זאָל מען מיר געבען א פּראָפּוסק אָן קאַרטאָטשקעס. — איז אוממעגליך! דער טערמין פון מיין „קאָמאַנדיראָווקע" איז שוין אדורכגעגאַנגען, און אָן א „קאָמאַנדיראָווקע" קען מען קיין פּראָפּוסק ניט קריגען.

נעם איך און פאַל אין חלשות.

אז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזען, אז איך ליג מיט א שטאַרקער נערווען־ערשיטערונג אין „צענטראַ־הקדש", וואָס ביים „נאַרקאָמזדראַוו"—„נאַראָדני קאָמיסאַריאַט זדראַוויא", הייסט עס.

נײַנטער קאַפּיטל.

די ישועה קומט אומגעריכט.

אין „צענטראַ־הקדש״ ביים „נאַרקאָמזדראַוו״ האָט מען מיך געהיילט אָן רפואות און אָן מעדיקאַמענטען. דערפאַר אָבער האָט מען מיך גענצאַלטען אויף אַ שטרײַנגען דיעט: אָן שוואַרצען ברויט, אָן קרופּניק, אָן אַ שטיקעל הערינג און אָן שאַמפּאַניער. אפילו ווייסען זעמעל, אָדער אַביסעל מילך, אָדער אַ שטיקעל הון מיט בוליאָן, אָדער בכלל אַ מיטאָג פון א 6—7 געריכטען, וואָס וואָלט מיר אסור נישט פאַרשאַטען, איז אויך געווען שטרײַנג פאַרבאָטען מיר צו עסען צוליב מעדיצינישע טעמים פון דעם „פּראָדקאָם״ (אַפּראָוויזאַציאָנס־קאָמיסיע). נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען איז מיין שלאַפּקייט געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, איך האָב אָנגעהויבען אויסגיין מיט די כחות. אַז איך האָב דערזען, אַז עס האַלט מיט מיר גאָר שמאָל, האָב איך זיך מישב געווען, אויפגעשטאַנען פון בעט און געזונט געוואָרען.

אַ מערקווירדיגע קוראַציע אין די באָלשעוויסטישע שפּי־טאָלען: די גרעסטע חולאים ליגען דאָרט נישט לאַנג. אין אַ משך פון עטליכע טעג איז אָדער זיי טראָגען זיך אָפּ אויפ׳ן עולם האמת, אָדער זיי טוען זיך אָן אַ כח, ווערען געזונט און אַנטלויפען פון דאָרטען ווי פון אַ שרפה.

האָב איך זיך אויסגעשריבען פון צענטראַ־הקדש און זיך געלאָזען אַהיים.

אויף דער גאַס האָט מיך אָנבעגעגענט מיינס אַ נאָנטער

גוטער פריינט, אַ גאַנץ ערליך מענשעל, נאָר אַ גרויסער אַפּע־ריזסט. פרעגט ער מיך, וואָס איך בין אַזוי אַראָפּ פון פּנים. דערצייל איך אים די גאַנצע געשיכטע מהחל ועד כלה, מיט דעם „פּראָפּוסק“, מיט די „אָטשערעדען“, מיט די פאָטאָגראַפיעס, מיט די אַלע אָפּקומעניזשען. שאָקעלט ער אויף מיר מיט׳ן קאָפּ און זאָגט:

— לעמעשקע שבלעמעשקע, וואָס דו ביזט! שוטה בן פּיקהאָלץ, וואָס דו ביזט! ווער הייסט דיר גיין מיט דעם פאַל־שען וועג און זוכען „פּראָפּוסקען“, מיט „קאָמאַנדיראָווקעס“, מיט פּאָר־שיינען, מיט פאָטאָגראַפיעס, מיט די אַלע קלאַפּער־געצייג, וואָס וועלען דיר העלפען ווי אַ טויטען באַנקעס. און אַז דו וועסט שוין האָבען די אַלע פּאַפּירען מיט די דאָקומענטען — פאָרסטו שוין? וועט מען דיך פון וואַגאָן נישט אַרויסוואַרפען? וואָס דאַרפסטו מען זאָל זיך צו דיר אויף יעדען שריט טשע־פּען? דעם וועט געפעלען ווערען דיין פּראָפּוסק און דעם דיין פּנים. אויף איין סטאַציע וועט מען דיר ערלויבען פאָרען, אויף דער אַנדערער נישט. אַ מער פאָלג מיך און גיי מיט׳ן אמת׳ן וועג: קריג דיר אַ פּרעמדען פּאַספּאָרט, מאַך דיר אַ פאַלשע „פּשעפּוסטקע“, נעם מיט אַביסעל קאָנטראַבאַנדע, וואַליוטע צי סאַכאַרין, צי וואָס דו ווילסט און פאָר! און דוקא אָן אַ בילעט. און דו וועסט רוהיג פאָרען און בשלום קומען.

— יאָ — זאָג איך — דיר איז גוט, אַז דו ביזט געבענשט פון גאָט מיט טאַלענט. דיר איז גרינג צו לעבען אין אַזאַ צייט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין, נישט פאַר דיר געדאַכט, נעבעך אַ גרויסער ערליכער מאַן.

מיין פריינט האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ מיט גרויס באַדויערונג ווי אויף אַ גרויסען קריפּעל ר״ל און געזאָגט:

— נו, גוט. איך וועל דיר שוין באַזאָרגען.

— אַזוי — זאָג איך — וועסט מיר באַזאָרגען? אַך, איך וועל דיך אייביג ניט פערגעסען. און מיר צוריידען זיך נאָר פריינטליך. — איז וואָס זשע מאַכסטו עפּיס אַזוי, ברו־דער? — פרעג איך אים — וואָס איז דיין טואַכץ?

— מיין טואַכץ? אָ איך האָב אַ סך טואַכצען: איך בי

קאָמיסאַר „פּאָ רעקוויזיציִ“, איך בין אין „אָסאָבי אָטדיעל“ ביי דער „טשרעזוויטשייקע“ און בין סעקרעטאַר אין קאָמיסאַריאַט פון שיינער קונסט.

— און וואָס ביזטו לויט דיינע איבערצייגונגען?

— לויט מיינע איבערצייגונגען בין איך א קאָמוניסט. קאָמוניזם איז ביי מיר טייער ווי דאָס שוואַרצאפּעל פון אויג. איך אַרבעט זייער אַ סך. איך וויל אַלץ אָנקלויבען עטליכע רובל, אָפּגעבען עס אויף פּראָצענט, איינהאַנדלען אַביסעל רענטעס און ווערט-פּאַפּירען, כדי איך זאָל מיר קענען האָבען מיין חיונה בשפע און אַרבעטען פאר׳ן קאָמוניזם.

— אַ גליקליכער מענש, וואָס דו ביזט. לעבסט מיט אַ תכלית — זאָג איך צו אים און מיר צוזעגענען זיך.

אין יענעם טאָג האָב איך געקריגען צוגעשיקט „אַ ליטער“. דאָס איז אַ פּאַפּירעל אַזאַ, וואָס איז כולל אין זיך אַלע נויטיגע פּאַפּירען צוזאַמענגענומען: אַ „פּראָפּוסק“, אַ „קאָמאַנדיראָווקע“, אַ פּאַספּאָרט, אַ בילעט. הכלל, אַן אמת׳ע קמיע, וואָס דו קענסט מיט דעם פאָרען ווען דו ווילסט און וואוהין דו ווילסט.

דאָס האָט מיר מיין פריינטעל צוגעדינט.

צענטעם קאפּיטעל.

מיינע הכנות.

תיכּף, ווי איך האָב אַריינגעקריגען דעם דאָזיגען „ליטער”, האָב איך זיך אָנגעהויבען מישב צו זיין ווי אַזוי צו פאָרען: מיט דער באַן, צי מיט׳ן וואַסער.

מיין וועג איז געלעגען צו האָמעל-צו. אין האָמעל קען מען פאָרען מיט׳ן באַן, דורך באַכמאַטש, אָדער מיט׳ן פּאַראַכאָד אויפ׳ן דניעפּר. איז די פראַגע געווען: ווי איז באַקוועמער? צי ווערען אַרויסגעוואָרפען פון וואַגאָן און גע׳הרג׳עט ווערען, אָדער ווערען אַריינגעוואָרפען אין דניעפּר און דערטרונקען ווערען?

לויט אַלע השערות, איז דוכט זיך, בעסער צו ווערען אַרויסגעוואָרפען פון וואַגאָן, איידער אריינגעוואָרפען צו ווערען אין דניעפּר. ראשית, אז מען וואַרפט פון וואגאָן, קען נאָך גאָט טאָן אַ נס מען זאָל פאַלען אויף ווייכען זאמד אָדער מען קאָן זיך לכתחילה אַרומוויקלען מיט וואטע און מען קען אָפּקומען בלויז מיט שרעקעניש, העכסטענס מיט רסוק אברים, אָבער אין דניעפּר אריין איז גאָר אַ פאסקודנע געשיכטע. ערשטענס די פיש, אַ פיש זאָל מיך איינשלינגען — דאָס

איז גאַר אַ קנאַפּער מאכל. (פאר מיר, הייסט עס, פאַר די פיש ווייס איך ניִשט.) אמת, נאָך מעזשינאָרער מעשה, ווען מען האָט דערטרונקען אַ גאַנצע שיף מיט אידען און געפונען אין אַ בויך פון אַ פיש אַ אידישען פינגער האָבען אידען פּראָ־טעסטירט, דערקלערט אַ באָיקאָט די דאָזיגע פיש, אַריינגענו־מען זיי אין חרם און ניִשט געגעסען זיי אַ לאַנגע צייט. נאָר די פיש האָבען זיך אויף דעם אַפילו ניִשט אָפּגערופען; זיי האָבען געשטומט, ווי פיש, געגריזשעט די אוקראַינער אידען און געשוויגען ניִשט ערגער, ווי גאַנץ אייראָפּאַ נאָך די פּאָג־ראָם־פּראָטעסטען.

און אָט אַזוי איבערלייגענדיג די אַלע באַקוועמליכקייטען פאַר און געגען, איז ביי מיר געבליבען פאָרען מיט'ן באַן.

און איצט ערשט הויבט זיך אָן די אמת'ע הכנות אין וועג אַריין. אמת, ניט מיט דעם צוגרייטען צידה־לדרך, ווי מען איז זיך נוהג געווען אין די אַלטע בורזשואזישע צייטען: פּרע־גלען געננז, קאָכען האַרטע אייער, רויכערן וואורשט, באַקען ציקער־קיכלעך אָדער פּאַקען בגדים און נויטיגע חפצים וכדומה: נאָר גאָר אַנדערע הכנות:

— ווי פירט מען אַריבער די עטליכע רובל? עפּיס באָמבלען זיך ביי מיר אַכט און דרייסיג סאָוויעטסקע רובל, זיבען קאַרבאָוואַנצעס, דריי קערענקעס, און 9 מאַרקעס, וואָס מען דאַרף זיי אַדורכפּעקלען. ווי זשע מאַכט מען עס?

און דאָ מוז איך אייך דערציילען וועגען אַ נייער מלאכה־פאַך, וואָס האָט זיך ביי אונז די לעצטע צייט אַנטוויקעלט: געלט־באַהאַלטער.

פאַראַן אַ ספּעציעלער מין בעלי־מלאכות, וואָס באַשעפ־טיגען זיך מיט דער דאָזיגער מלאכה.

פאַראַן מויערער, וואָס וועלען אייך אייער געלט אַזוי פאַרמויערן אין וואַנט, אַז קיין איין באנדיט וועט ניט געפי־נען.

פאראן סטאָליערס, וואָס וועלען אייך די גרעסטע קונצען ווייזען מיט געהיימע קעסטלעך, צווייענדיגע דעקען, פאַרבאָר־גענע חדרימלאך אין די שופלאָדען, אַז קיין ילוד אשה וועט זיך אויף זיי ניט אָנשטויסען.

פאַראַן ספּעציעלע שניידערס און נייטאָרינס, וואָס ווע־לען אייך אייער געלט אַזוי איינגייען אין אייערע בגדים, אַז איר אַליין וועט מיט טויזענט ליכט ניט אויפזוכן.

דריי טעג און דריי נעכט זיינען ביי מיר אָט די דאָזיגע ספּעציאַליסטען שניידערס, שוסטערס, סטאָלאַרעס, נייטאָרינס גע־זעסען און געאַרבעט: מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס גרייט איך זיך חתונה האָבען און מען רעמאָנטירט די הויז און מען נייט מיר גאָר געהויבענע חתונה־קליידער. אין דער אמת׳ן אָבער איז עס געווען גאָר אַן אַנדער אַרבעט:

דער סטאָליאַר האָט געריסען די ווענט, וואו ס׳איז ביי מיר געווען פאַרמויערט אַ „פּאָטאַיעמנע" קעסטעל מיט עטליכע רובל. די שניידער האָבען צוטרענט מיינע בגדים און אַהין איינגענייט מיין שטיקעל פאַרמעגען, די נייטאָרינס האָבען זיך געפּאָרעט אַרום מיינע וועש, אויפגעזוכט דאָרט די געהיימניס־פולסטע ערטער צו פאַרבאָרגען דאָרטען מיינע קאַפּיטאַלען. דער שוסטער האָט געדרעלעוועט לעכלעך אין מיינע קנאַפּלען, גע־שפּאָלטען די פּאָדעשוועס, און מיט גרויס געשיקטקייט און גע־שמאַק פאַרבאָרגען דאָרטען מיינע באַנקנאָטלעך, שאַגעס, קע־רענקעס, די קנעפּלעך איבערגעמאַכט. יעדעס קנעפּעל — אַ מטמון; יעדעס ווינקעל, יעדער קנייטש פון מיין מאַרלינאַרקע — אַ שראַנק, יעדער פאַלד פון מיינע תחתונים — אַ גע־היימע קאַסע. דאָ א רובל, דאָ אַ גריוונע, דאָ אַ באָנע, דאָ אַ קערענקע...

ענדליך ווערט עס אלץ פארטיג. פרעסען דארף מען מיין אנצוג ניט. אדרבה, מען דארף אים גאָר אביסעל צוקנייטשען, צורייבען, די פאפירלעך זאָלען דאָרט נישט שאָרשקען. אביסע־לע אָנרייסען אים שאדט אויך נישט. עטליכע געוואלד־ריסען, עס זאל אויסזען פּראָלעטארישער.

איצט קען איך שוין פארען צו דער באַן.

עלפטעם קאַפּיטעל.

די צייט.

און דאָ שטעלט זיך אַוועק אַ האַרבע שאלה: ווען? אין
וועלכער צייט פֿאָרט מען אייגענטליך צום באַן?

שוין באַלד פינף יאָר, אַז מיר, רוסישע איינוואוינער, האָבען
פֿאַרלוירען יעדע צייט-רעכנונג, מיר ווייסען ניט פון קיין פֿאָר-
פלענער און וועג-ווייזערס. שוין פינף יאָר, אַז מיר ווייטען
ניט, ווען און וואוהין אַ צוג באַדאַרף אָנקומען. אויף אַלע פֿראַ-
גען „ווען"? האָט דאָס אינפֿאָרמאַציאָנס-ביוראָ בלויז איין ענט-
פער: „מיט דער צייט", מיט דער צייט, אי"ה, וועט איר פֿאָ-
רען, מיט דער צייט, אי"ה, וועט איר קומען—אַלץ מיט דער
צייט.

און טאָמער טרעפט, אַ צוג גייט אָפּ לויט אַ גענוי-באַ-
שטימטער צייט, לאָמיר זאָגען: צווישען האַלב צוועלף פאַר מי-
טאָג און דריי פערטעל אויף איינס נאָך האַלבער נאַכט, וועט
איר אויך ניט וויסען, ווען צו פֿאָרען צו דער סטאַנציע משום
כמה טעמים: ערשטענס, מחמת אַ רוסישער בירגער האָט שוין
לאַנג פֿאַרגעסען, ווי אַזוי אַ טאַשען-זייגער זעט-אויס.

דער דאָזיגער חפץ איז שוין לאַנג געוואָרען דאָס פרי-

וואַטע אייגענטום פון די, וועלכע קעמפען געגען פּריוואַט-אייגענטום, אָדער פון די, וועלכע קעמפען געגען די קעמפער פון פּריוואַט-אייגענטום.

איך אַליין, צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, וועל אייך אויסזאָגען בסוד, אַז איך האָב אַפילו אַ זייגער. נאָר אַ טשיקאַווער זייגער, לויט דער נייער רוסישער קאָנסטרוקציע: ניט קיין וואַנט-זייגער און ניט קיין טאַשען-זייגער, נאָר אַ זאָק-זייגער, מחמת איך האַלט אים שטענדיג אין זאָק. אַזוי זיינען זיך ביי אונז אַלע נוהג. יעדעס מאָל, ווען איך וויל אַ קוק טאָן ווי שפּעט עס איז, גיי איך מיר אַוועק אין אַ באַהאַלטענעם מקום, ביחידות, בינד-אויף דעם זאָק, גיב אַ קוק וויפיל עס איז אַ זייגער און באַהאַלט אים גיך צוריק אין זאָק אַריין, אַז קיין גוט אויג זאָל עס ניט באַמערקען.

די לעצטע צייט, ביי די שטריינגע רעוויזיעס, האָט מיין טיק-טאַק אָנגעהויבען צו באַאומרוהיגען. דער דאָזיגער טיק-טאַק וועט נאָך מיך ח"ו פאַרראַטען, און האָב דעריבער באַשלאָסען דעם זייגער איינגאַנצען אָפּצושטעלען. איצט ליגט ער, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער שטייט ביי מיר אין זאָק טויט-שטום, ווי אַ פיש.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז לויט אַזאַ מין שטייענדיגען זאָק-זייגער וועט איר קיינמאָל ניט וויסען, ווי שפּעט עס איז און ווי עס האַלט בכלל מיט דער צייט.

אַזאַ טבע האָט עס.

וואָס אָנבעלאַנגט די שטאָט-זייגערס, אויף דעם ראָטהויז, אויף די טורעמס, אויף די קלויסטערס, — זיי זיינען שוין לאַנג צושאָסען געוואָרען אין דער צייט פון באָמבאַרדירונגען. ראשית, מחמת די שיסער האַלטען כלל ניט פון דער צייט. והשנית, ווען איך אַליין וואָלט געווען אַ שיסער און באַשיסען אַ שטאָט און זען פון ווייטען אַזאַ קלאָר-ווייסען ציל-ברעט ווי דער שטאָט-זייגער, וואָלט איך אויך ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון, ניט אויסצושיסען אין זייגער אַריין. ווי זאָגט איר?

און נאָך אַ זאַך.

און דאָ מוז איך, דרך אַגב, דערציילען וועגען נאָך אַ באַשעפטיגונג, מיט וואָס די רוסישע בירגער פאַרנעמען זיך.

דהיינו מיט צייט־ענדערונגען און זייגער־דרייעניש.

אַ גאַנץ לאַנד האַלט אין איין דרייען דעם זייגער—דאָ אַהין דאָ אַהער, דאָ צוריק, דאָ פאָרויס. עס ווענדט זיך, ווי דער דעקרעט הייסט. און אַזוי־אַרום באַקומט רוסלאַנד אין אַ משך פון אַ קורצער צייט עטליכע צייטען פון פאַרשידענעם עלטער מיטאַמאָל: אַן אַלטע צייט, אַ נייע צייט, אַ נייסטע צייט און אַ נייסטע שבנייסטע צייט. און דעריבער, ווען איר מאַכט מיט אַ מיידעל אַ באַשטעלונג אויף אַ באַגעגעניש, מוזט איר גע־נוי אויסטייטשען די צייט; די אַלטע, די נייע, די נייסטע אָדער נייסטע שבנייסטע, אַנדערש קאָנט איר זיך נאָך איינס אָן אַנדערען פעלען און, חלילה, פאַרלירען דאָס מיידעל.

ניט איין שידוך איז צוליב דעם זיך צוגאַנגען. ניט איין ליבע איז צוליב דעם צושטערט געוואָרען.

ווי איר זעט, איז דאָס אַ מעלה.

אין רוסלאַנד ווייסט מען קיינמאָל ניט ווען צוגיין אין טעאַטער. אָדער איר קומט מיט פינף שעה פאַר דער פאָרשטע־לונג, אָדער איר פאַרשפּעטיגט אויף פינף שעה נאָך דער פאָר־שטעלונג. דערפאַר אָבער ווייסט מען אויך ניט אין רוסלאַנד, ווען מען דאַרף עסען וועטשערע, ווען מיטאָג, ווען פרישטיק.

און דאָס, זעט איר, איז שוין זיכער אַ מעלה.

דער רוסישער בירגער, אַלזאָ, האַלט אין איין דרייען דעם זייגער. ער דרייט אים אַזוי לאַנג, ביז דער זייגער ווערט סאָציאַליסטיש געזאָגען און ערקלערט אַ 6־שעה׳דיגען אַרבעטס־טאָג, דערנאָך—אַ 4־שעה׳דיגען אַרבעטס־טאָג, אַ 2־שעה׳־דיגען אַרבעטס־טאָג, ביז ער שטעלט זיך אינגאַנצען אָנידער.

די אַלע צייט־ענדערונגען, ווי די איבערדרייעניש פון זייגער, ווערען אין רוסלאַנד דורכגעפירט לויט אַ שטרייגען דעקרעט פון דער ראַטען־מאַכט, און יעדער בירגער מוז לע־בען לויט דער פאַראָרדענטער צייט אונטער אַ שטריינגער דראָ־הונג פון דריי טעג תפיסה אָדער טויט־שטראָף.

אַן אויסנאַם ווערט נאָר געמאַכט פאַר די העגער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע סאַבאָטירען און קרייען נאָך דער אַלטער צייט.

פאַראַן אַזעלכע בירגער, וועלכע דרייען ניט דעם זייגער

און לעבען בשתיקה לויט דער אַלטער געוויינלי׳כער צייט. זיי לעבען ווי די אַנוסים אין שפּאַניען בסודי סודות, אין גרויס סכנה. אַזעלכע מענשען, ווען זיי ווי׳לען לעבען מי׳ט דער סביבה, לויט דער פאַראָרדענטער נייער, נייסטער אָדער נייס-טער שבנייסטער צייט, מוזען זיין גרויסע בעל-חשבון׳ס און באַזי׳צען גרויסע מאַטעמאַטי׳שע פייהי׳גקייטען.

אַזוי, למשל, ווען איר לעבט נאָר דער אַלטער געוויינ-לי׳כער צייט און אייער זייגער וויזט 3 פערטעל מי׳ט 5 מי׳נו-טען אויף אַכט פאַר מי׳טאָג און שלאָגט ניין, אי׳ז דאָס פונקט 47 מי׳נוט אויף דריי דעם זייגער נאָך האַלבע נאַכט לויט דער נייער צייט, אָדער דריי פערטעל אויף זי׳בען באַגי׳נען לויט דער נייסטער צייט, אָדער 13 מי׳נוט אויף עלף פאַר האַלבע נאַכט לויט דער נייסטע-שבענייסטער צייט...

אַן אַרבעט פאַר ניוטאָנ׳ען, אָדער אַלבערט איינשטיין.

ני׳ט יעדער אָבער קאָן זיין אַ ניוטאָן, און דערי׳בער לע-בען אַלע נאָר אָן אַ צייט, אָן רייזע-פלענער און אָן זייגערס; מי׳ט איין וואָרט, אויסער צייט און רוים.

ווי׳-זשע ווייסט מען, ווען צו פאָרען צו דער באַן? אי׳ז דער תירוץ: מען נעמט און מען פאָרט. דער עיקר פאָרען צום וואָקזאַל, אַבי ני׳ט זי׳צען אי׳ן דערהיים, אי׳ן שטוב, הגם די שאַנסען אויף צו פאָרען זיינען די זעלבע. ווי אי׳ן שטוב, ווי אי׳ן וואָקזאַל.

נאָר פאָרען דאַרף מען.

צוועלפטעם קאַפּיטעל.

גאַסען.

הנה, איר זאָלט וויסען זיין, אַז איך פאָר שוין צום וואָקזאַל.

איצט באַדאַרף מען נאָר געפינען אַ איזוואָשטשיק צו פאָרען צום וואָקזאַל. דאָס געדויערט ניט לאַנג. סך=הכל אַ צוויי=דריי שעה זוכעניש און ער איז דאָ! דאָרט, אויף יענעם ראָג שטייט ער, דער טאָוואַרישטש איזוואָשטשיק, און כאַפּט אַ דרימעל. און דער טאָוואַרישטש פערד, וואָס איז נצול געוואָרען פון אַלע פערד=מאָבּיליזאַציעס פון אַלע רעגירונגען, זעט נעביך אויס גאָרניט פויגעלדיג. און עס קומט אייך גלייך אויפ'ן זינען די שאלה, צי עס איז בכלל פון דעם מין באַוועגלי=כע גיטער אָדער אומבאַוועגליכע שטיין שטייט דאָס פער=דעל זייער פאַרזאָרגט און אויף זיין אַראָפּגעהאַנגענער אונטערשטער ליפּ ליגט אַזוי פיל עצבות און פעסימיזם, גלייך ווי דער גאַנצער וועלט=שמערץ וואָלט זיך דאָרטען צונויפגעקליבען; טרויעריגע מחשבות באַוועגען זיך אין זיין פערדישען מח. וועגען וואָס טראַכט ער? וועגען דער טרוי=עריגער פאָליטישער לאַגע פון זיין פאָטערלאַנד? אפשר געפעלט אים ניט די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט? צי אפשר וועגען

דעם בײַטערען פּראָוויאַנט-קריזיס פון האָבער און שעטשקעז צי אפשר שטייט ער גאָר און זאָגט ודויז... ווער קען וויסען?

איך וועק אויף דעם איזוואָשטשיק. ער איז אַבּיסעל אָנ-געדראָלען, אומצופרידען. איך האָב אים צושטערט, זאָגט ער, אַ זיסען חלום, ער האָט געזען אין חלום אַ ברויטעל. נאָר איך בעט זיך מיט אים איבער און באַשטעל אים אויף מאָרגען פרי. מאָרגען פרי זאָל ער קומען צו מיר אַהיים און מיר וועלען אָנהויבען פאָרען צום וואָקזאַל...

דערבײַ קומט פאָר צווישען מיר און דעם איזוואָזטשיק אַזאַ געשפּרעך:

— איז וואָס וועל איך האָבען דערפאַר?—פרעגט ער.

— איך ווייס? וויפיל ווילט איר? צום וואָקזאַל איז דאָך ניט ווייט.

— אַכט און דרייסיג טויזנט רובל וועט איר געבען?

— אַבּיסעל צו טייער פאַר מיר, וואו האָב איך אַזוי פיל געלט?

— ווייסט איר וואָס? זאָגט ער—איך נעם בײַ אײַך גאָר קיין געלט ניט, נאָר, אפשר האָט איר אַ בלוזקע פאַר מײַן ווייב, אַ פּאָר האַנטוכער, אָדער א פונט זאַלץ, אָדער גאָר אַ פּאָר תחתונים פאַר מיר.

איך ווער מיט אים מושוה. איך האָב גראַדע אַפּאָר אַל-טע הויזען, וואָס איך וועל זיי סיי ווי סיי אין וועג ניט בע-מען מיט זיך און אַ פערטעל פונט זאַלץ און ער ווילינגט אײַן מיט מיר צו פאָרען צום וואָקזאַל.

— וואוהינ-זשע זאָל איך קומען נאָך אײַך?—פרעגט דער איזוואָשטשיק,

— אויף דער קאָמוניסטישער גאַס.
— און ווי האָט זי געהייסען פריער?
— סאָציאַליסטישע גאַס.
— און נאָך פריער?
— פּראָלעטאַרישע גאַס.
— און נאָך פריער?
— שעווטשענקאָ'ס גאַס.
— און נאָך פריער?

— העטמאנס גאַס.
— און נאָך פריִער?
— קערענסקי׳ס גאַס.
— און נאָך פריִער?
— טאַטיאַנאַ־גאַס.
— און נאָך פריִער?
— ראָמאַנאָוו־גאַס.
— אַהאַ! איצט ווייס איך, איך וועל קומען, אויב מיין אָד־לער וועט ביז מאָרגען נאָך ציִען.

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז יעדע גאַס האָט ביי אונז יתרו׳ת נעמען. און אַז אַחוץ צו דרייען דעם זייגער און איבערמאַכען די צייט, איז ביי אונז פאַראַן נאָך אַן אַרבעט: איבערמאַכען די נעמען פון די גאַסען, פּלעצער און עפענטלי־כע געביידען.

יעדע נייע געשעהעניש, יעדע נייע רעגירונג, יעדע נייע איבערקערעניש, יעדער אַטענטאַט אויף אַ פּאָליטישער פּערזאָן רופט ביי אונז אַרויס אַ מבול פון נייע נעמען פאַר יעדער גאַס און פאַר יעדען געסעל: „אוריצקי פּלאַץ", „ראָזאַ לוקסענבורגס זאַוועאולאָק", „ליבקנעכט־טעאַטער" א. אַ. וו. מאָרגען פּלוצלונג קומט אַ נייע איבערקערעניש און די נעמען ווערען געענדערט. פון „אוריצקי־פּלאַץ" ווערט „כמעלניצקי פּלאַץ", פון „ראָזאַ לוקסעמבורג־זאַוועאולאָק" ווערט „פּעטרושענקאָ׳ס־זאַוועאולאָק", פון „ליבקנעכט־טעאַטער"—„שעווטשענקאָ־טעאַטער", „אוניווער־זיטעט אויף נאַנטא׳ם נאָמען", „אקאַדעמיע אימעני פּעטליורי" וכדומה.

אויף איבערמאָרגען — נייע נעמען: „דעניקינ׳ס־גאַס", „אַלעקסייעוו־טעאַטער", „קאָלטשאַק־פּאַרק".

און מען דאַרף האָבען דעם געזונטען קאָפּ אויף די פּליי־צעס צו וויסען, אויף וואָסער וועלט מען איז.

וואָרום אויב איר האָט, למשל, לאָמיר זאָגען, געקויפט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַ בילעט אין „ליבקנעכט־טעאַטער" אויף „אוריצקי־פּלאַץ", אויף דער פאָרשטעלונג „ווסטאַן פּאָדני־מאַיסיאַ, ראַבאָטשי נאַראָד", באַדאַרפט איר שוין היינט גיין אין „אַלעקסייעוו־טעאַטער", געוועזענע „האָהענצאָלערן־טעאַטער",

וואו די דייטשע אָפּערעטע האָט געשפּילט בשעת'ן העטמאַן „די לוסטיגע וויטווע" און וואָס געפינט זיך איצט אויף „שולגין-פּלאַץ", וואָס האָט געהייסן „לעבין-פּלאַץ", געוועזענער „כמעלניצקי-פּלאַץ", און וואָס האָט גאָר אַמאָל געהייסן „וולאַדימיר-פּלאַץ", וואו עס איז געשטאַנען סטאָליפּינ'ס דיינקמאָל און היינט שטייט דאָרט דער דיינקמאָל פון טאָוואַרישטש „כוועדקאָ" און שפּילען שפּילט מען איצט אויסשליסליך די פּיעסע „צאָ-ניע כאָדי גריצי".

נעמענדיג, ווי מען זאָגט אין די רעזאָלוציעס, אין אַנבאַטראַכט אַז צו דעם פּלאָנטער פון דער צייט און איבערגעדרייטען זייגער, קומט צו דער מיש-מאַש פון די גאַסען-נעמען און אַז אָקאָרשט אָוועגט, טאָרט איר שוין אויף דער גאַס ניט זיין.—וועט זיין דאָס גלייכסטע זאַך, ווען איר וועט גאָר זיצען אין שטוב און אין ערגעץ ניט גיין..

מיר, אידען, האָבען אויך זוכה געווען, אַז אַ סך גאַסען זאָלען אָנגערופען ווערען מיט אידישע נעמען. אַזוי, למשל, איז אין קיעוו שוין פאַראַן דריי גאַסען אויף די נעמען: „מענדעלי מוכר ספרים", „פרץ" און „שלום עליכם", די גוים קענען די דאָזיגע נעמען גאָר ניט אַרויסריידען. בלויז איין איזוואָשטשיק האָב איך געקענט, וואָס פלעגט דעם נאָמען „אוליצאַ מענדעלי מוכר ספרים" אַרויסריידען „וליצאַ רוב סערעבראָם", פאַרוואָס עפּעס „אוליצאַ רוב סערעבראָם" ווייס איך ניט. די איבריגע גוים האָבען דאָס גלאַט געריפען „זשידאָווסקאַיאַ אוליצאַ",

די אידישע איינוואוינער פון די דאָזיגע גאַסען זיינען זייער צופרידען פון דער גדולה און שטאַרק געריהרט פון דעם כבוד, וואָס זייערע גאַסען האָבען געקריגען יודישע נעמען און—צולויפען פון די גאַסען ווי פון אַ שרפה, ווייל ס'איז אַ סברה, אַז אויב חס-ושלום ס'זאָלען אויסברעכען פּאָגראָמען, וועלען די דאָזיגע גאַסען זיין אויפ'ן ערשטען פייער.

זיי לויפען אין די גוישע גאַסען, יעדער איד זוכט אַ דירה אויף אַ גוישער גאַס ניט משום די אַסימילאַציע-טענדענצען, נאָר גראַדע אומגעקערט: משום די גרויסע אידיש-נאַציאָנאַלע ערלאָבערונגען. וואָס מער מיט אַ אידישער אויפשריפט אויף די גאַסען, וואָס מער מיט אַ אידישען מיניסטער, וואָס

מער מיט אַ אידישען קאָמיסאַר, וואָס מער מיט אַ פּאַרווירקליכטען פּונקט פון דער גליקליכער אידישער „פּערסאָנאַל-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע“, אַלץ געזינטער איז פאַר אייך, ווען איר וועט זיצען אין אַ גויש געסעל...

אַ דירה אויף אַ גויש געסעל איז שוין לאַנג ביי אונז דער אידעאַל פון יעדען אידישען שכן. דאָס איז די ערשטע באַקוועמליכקייט פון אַ דירה. אויסער דעם, איז פאַראַן נאָך באַקוועמליכקייטען. ניט, נאַטירליך, די אַלטע שאַבלאָנע אויסגעדראָשענע באַקוועמליכקייטען, ווי דאַמף-באַהייצונג, עלעקטרישע באַלייכטונג פאַר-מיטאָג-זון, נאָך-מיטאָג-זון, אַ סך ליכט, גרויסע רחבות׳דיגע צימערן, שיינער איינגאַנג וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטען.

אַ קיעווער איד, אַז ער זוכט אַ דירה, זוכט ער אונזערע באַקוועמליכקייטען: קודם-כל זאָל ניט זיין צו-הויך, מחמת טאָמער וועט פאָרקומען אַ באָמבאַרדירונג, זאָל צו אייך ניט פאַרבלאָנדזשען צו גאַסט אַ גראַנאַט און אָפּטאָן אַ שטיקעל אַרבעט: צוברעכען דאָס ביסעל מעבעל מיט׳ן געשיר, פאַרסמאַלען די בעט-געוואַנט, הרג׳נען עטליכע פאַרשוין פון אייערע בני-בית וכדומה אַזעלכע היזיקות. ווייטער דאַרף מען זען, אַז די דירה זאָל זיך געפינען אין די נידריגע שטאָקען, מחמת אין פאַל פון אַ פּאָגראָם זיינען די אינטערשטע שטאָקען אויפ׳ן ערשטען געפאַר.

ווען איר וועט זיך צוהערען צו דעם משא-ומתן, וואָס אַ בעל-הבית פירט מיט דעם שכן ביים דינגען אַ דירה, וועט איר הערען אַזאַ שמועס:

— אַזאַ דירה — טענה׳ט דער אייגענטימער — וועט איר מיט ליכט ניט געפינען. אויף אונזער גאַס איז דאָך נאָך קיינמאָל קיין איין רעכטער פּאָגראָם ניט געווען, אַחוץ מיט אַ חודש צוריק האָט מען גע׳הרג׳עט, ווייס איך דאָרטען, 20 אידען, קיי און שפיי... דערפאַר אָבער, זעט אַן אַריינגאַנג — פינסטער ווי אין אַן אויער, א מין חשכות! קיין מוטער-מענש וועט ניט איינפאַלען, אַז דאָ איז ערגיץ אַ טיר...

— גייען די פענסטער צומאָל ניט אַרויס צו דער גאַס? — באַאומרוהיגט זיך דער שכן.

— חס וחלילה! ווי קומען פענסטער צו דער גאַס, אַז די גאַנצע דירה איז גאָר אין עק פון הינטער־הויף, קיין איין פענסטער איז אין דער גאַנצער דירה לחלוטין ניטאָ. עקסטראַ פאַרמויערט און פאַרקלאַפּט, אַז קיין איין קויל זאָל צו אייך ניט אַריינדרינגען און אַז מען זאָל זיך ניט טשעפּען צו אייך, אַז איר האָט געשאָסען פון די פענסטער, אָדער געגאָסען זודיגע וואַסער.

— און אַ קעלער?

— אַלץ הייסט אַ קעלער, אַ געמויערטער און אַ געראַמער! חדשים־לאַנג קאָנט איר זיך דאָרט וואוינען און צולייגען זיך ווי די גראַפען מיט אייער גאַנצער געזינד.

— און אַ בוידעם?

— אָ, אַ בוידעם! דער גרעסטער פּאָגראָמשטשיק וועט אייך דאָרטען ניט געפינען, קורץ שוין איינמאָל אַ דירה!

— נו און די גאַס? וועט מען זיי צומאָל ניט אָנרופען מיט אַ אידישען נאָמען?

— חס־וחלילה! מיר וועלען דאָס ניט דערלאָזען. פאָריגע וואָך האָט מען אפילו פּראָיעקטירט אָנצורופען אונזער גאַס אויפ׳ן נאָמען פון עפּעס אַ גרויסען אידישען קינסטלער, האָבען מיר, בעלי־בתים פון גאַס, זיך צונויפגעקליבען און געשיקט אַ פּעטיציע גלייך צו טראָצקי׳ן, איז די גזירה אַראָפּגענומען געוואָרען...

אַזוי צולויפען זיך די אידען איינציגווייז פון די אידישע גאַסען און באַזעצען זיך אין די גוי׳שע גאַסען. די גוי׳שע שכנים נעמען אַ גרויסען אָפּטרעט־געלט און באַזעצען זיך אין די אידישע גאַסען. אַזוי לאַנג, און אַזוי ברייט, ביז די גוי׳שע גאַסען ווערען פאַרוואַנדעלט אין אידישע און די אידישע אין גוי׳שע. דאַמאָלס צולויפען די אידען ווידער איינציגווייז פון די אידישע גאַסען און באַזעצען זיך אין די גוי׳שע גאַסען. די גוי׳שע שכנים נעמען ווידער אָפּטרעט־געלט און באַזעצען זיך אין די אידישע גאַסען. און אַזוי אַרום האַלט מען אין איין אַרומלויפען פון דאַנען אַהין, פון דאָרטען אַהער.

דאָס וואָס מען רופט: פעלקער־וואַנדערונג.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסען.

איר ווילט דאָך וויסען וועגען מיין פאָרען, טאָ האָט געדולד. אַבי איך האַלט שוין ביים איזוואָשטשיק, איז אַ האָפ־נונג, אַז מיר וועלען זיך ווי עס איז אַרויסקלייבען.

דרייצענטעם קאפיטעל.

אויפ'ן וואָקזאַל.

אויף מאָרגען פריִ איז געקומען דער איזוואָשטשיק. מיר פאָרען צום וואָקזאַל, דאָס פערדעל גייט. עס בייט די פיס. איך וואָלט גאָר שווערען, אַז עס ריִרט זיך. עס האָט זיך צייט. ובאמת, צו וואָס איילען זיך? דאָס פערד ווייס אויך, אַז מיר איילען ניט צו קיין באַשטימטען צוג. ער קערט צו מיר צו זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגען: איידער זיצען אויפ'ן וואָקזאַל, ר' קרוב, זיצט בעסער ביי מיר אויפ'ן דראָזשקע און כאַפּט אַ שמועס מיט מיין בעל-הבית.

דער איזוואָשטשיק פאָלגט זיין פערד, דרייט אויס צו מיר זיין פּנים און פאַרפירט אַ שמועס:

— איר זייט דאָך אַ איד, האַ? איך זע אָן אייך, אַז איר זייט אַ איד. טאָ האָב איך טאַקי אייך געוואָלט בעטען, איר זאָלט מאַכען אַ סוף צו דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד. און האָדיע!

— געננוג! איר אידען האָט זיך שוין גענוג נוקם געוועזן אָן אונז. איצט — אַ סוף! מיר האָבען טאַקי געגען אייך זייער געזינדיגט. איר האָט ביי אונז קיין האָניג ניט

געלעקט. מיר האָבען זיך איבער אייך איזדעוואַיעט זיך. איז טאַקי געווען זייער ניט רעכט פון אונזער זייט. מיר שלאָגען זיך טאַקי גוט אין האַרצען. איצט נעמט איר פון אונז נקמה. טאָ זאָל שוין זיין גענוג. וויפיל איז דער שיעור נקמה נעמען? איר זייט אַ איד. רעדט זיך צונויף מיט אייערע אידעלאַך, גייט אַריין צום „ראַבין” און מאַכט אַ סוף. מיר האָבען געהאַט אַ שלעכטען קיסר ניקאָלאַי, וואָס איז אייך דערגאַנגען די יאָרען און האָט אייך אָנגעטאָן געבערענטע לײדען; איצטער, זאָגט מען, זיצט אין מאָסקווע אייערער אַ קייסער, אַ אידישער קייסער, הייסט ער „לעווין” מיט זיין פּאָמאָטשניק טראָצקי, טוען זיי אונז אָן געבערענטע צרות, — טאָ וויפיל איז דער שיעור? מאַכט אַ סוף, איך בעט אייך. מיר וועלען שוין מער קיין קייסער ניט מאַכען און איר וואַרפט אַראָפּ אייער קייסער „לעווין” און האָדיע. זאָגט איר מיר צו אַזוי צו טאָן?

איך האָב אים פאַרשפּראָכען אַזוי צו טאָן און מיר זיינען געוואָרען שטאַרק באַפריינדעט. אין דער פּריפלעג איך מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק פאָרען צום וואָקזאַל און אויף דער נאַכט — צוריק מיט'ן טשעמאָדאַנטשיק אַהיים אין שטאָט אַריין. אַ גאַנצען טאָג פלעג איך זיצען אויפ'ן וואָקזאַל און אָפּוואַרטען אַ צוג. נאָר קיין צוגען זיינען ניט געווען בנמצא. און טאָמער האָט זיך אַמאָל אין אַ נאָווינע באַווייזען אַ צוג, האָט מען ניט געקענט זיך אַהינצו אַריינקוועטשען, און טאָמער האָט מען געקענט זיך אַהין אַריינקוועטשען, און טאָמער האָט מען מיך ניט אַריינגעלאָזען, האָט מען מיך אַרויסגעוואָרפען. קורץ, אַ פּאָר וואָכען בין איך אַזוי געפאָרען הין און צוריק, ביז דאָס פערדעל וואָס האָט זיך שוין כמעט אויסגעלערנט ניט צו עסען, האָט נעביך אויסגעהויכט זיין פאַקוטנע נשמה און זיין מאָגערען גוף מיט דעם פעקעל ביינער איבערגעלאָזען בירושה דעם אָרימען בירגער אויף „קאָנינע”.

דאַמאָלס בין איך געפאַלען אויף אַ שכל און אָנגעהויבען גיין צום וואָקזאַל צו־פוס און שלעפּען דעם טשעמאָדאַנטשיק אויף זיך. אַז איך האָב דערזען, אַז עס קען מיט מיר געשען דאָסזעלבע, וואָס מיט דעם איזוואָשטשיק'ס פערד, בין איך ווידעראַמאָל געפאַלען אויף אַ שכל און געטאָן דאָס זעלבע, וואָס

אַנדערע טוען בשעת זיי דאַרפֿען אָפּפּאָרען, דהיינו: זיי באַזע־צען זיך אין אַ האָטעל נעבען וואָקזאַל און וואַרטען.

אַזאַ מנהג איז ביי אונז: עס באַזעצען זיך אין האָטעלען ניט נאָר די יעניגע, וואָס קומען צופֿאָרען, נאָר אַפּילו די, וואָס דאַרפֿען אַוועקפֿאָרען. איך האָב, הייסט עס, געגומען זוכען אַ צימער אין אַ האָטעל נעבען וואָקזאַל. נאָר אַזוי ווי אַלע צימערן פֿון די האָטע־לען זיינען רעק ווזירט און באַזעצט, בין איך געפֿאַלען גאָר אויף אַן אַנדע רהמצאה: איך האָב מיר פּשוט געדונגען אַ צימער אין אַ פּריוואַט־וואוינונג נעבען וואָקזאַל, איינגעצאָלט פֿאַר אַ פּאָר חדשים פֿאָרויס דירה־געלט און זיך באַזעצט. אַזוי אַרום וועל איך זיך שוין אי״ה דערוואַרטען אויף אַ צוג.

בדיעבד איז עס גאַנץ גוט. עלעהיי זאָל דוכטען, אַ דאַ־טשע. שוין פֿינף יאָר, אַז מיר ווייסען ניט פֿון קיין דאַטשעס און פֿון קיין זומער־וואוינונגען, באשר די אַרומיגע פֿויערים און דורכגייענדיגע סאָלדאַטען האַקען אויס די בוימער, פֿאַר־ברענען די דאַטשעס און קוילענען אויס די דאַטשניקעס. דער־פֿון־זאָגען די דאַטשניקעס—קען מען זיך גאָרניט ערהאָלען.

אַ גאַנצען טאָג זיץ איך מיר מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק אויפ׳ן וואָקזאַל, שעפּ פֿרישע לופֿט און ביינאַכט גיי איך מיר אין מיין נייער דירה שלאָפֿען.

גאַנץ לאַנגווייליגען זיך אויפ׳ן וואָקזאַל לאָזט מען מיך ניט, מחמת דער קאָמענדאַנט פֿון וואָקזאַל, טאָוואַרישטש מאַטוויי־קאָ, מיט זיין גאַנצער קאָמאַנדע זוכען אויס אַלע מיטלען ווי אַזוי אייך צו ווייל׳ען. זיי זוכען פֿאַר מיר אויס כל המיני אַרבעט: טראָגען האָלץ, פּאָמפּען וואַסער, קערען די פּאָדלאָגע, שיילען קאַרטאָפֿעל וכדומה אַזעלכע מלאכות, וואָס זיינען נוי־טיג אויף אַ וואָקזאַל.

דעם קאָמענדאַנט מאַטווייקאָ קען איך זייער גוט. דאָס איז אַ קליין שייגעץ, וואָס וואוינט ניט ווייט פֿון אונז, זיין באַשעפֿטיגונג איז געווען צו פֿאַרריכטען גראַמאָפֿאָנען, ניי־מאַ־שינען און האַרמאָניקעס.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז ער גע־וואָרען קאָמיסאַר פֿון קאָנסערוואַטאָריע, אינסטרוקטאָר פֿון פֿיל־האַרמאָניע און קאָמיסאַר אין דעם אָפּערען־טעאַטער. פֿאַר דער

קורצער צייט, וואָס ער איז געווען אויף דעם דאָזיגען פּאָס־טען איז די מוזיק בכלל, ווי אויך די אָפּערע בפרט געשטי־גען און באַרייכערט געוואָרען מיט אַ סך נייע אויפטואכצען. אַזוי, למשל, האָט ראַדאָמעס אין דער אָפּערע „אַאידאַ" זיך אַליין אַקאָמפּאַנירט אויף אַ האַרמאָניק, טאָוואַרישטש אָ נ י ע ג י ן האָט אויסגעצייכענט געטאַנצט אַ האָפּאַק, און מאַרגאַריטאַ מיט פויסט'ען האָבען געקנאַקט סעמעטשקעס און געטאַנצט אַ קאָ־מאַרינסקאַיאַ. די ראָלען פון מלכים, פרינצען, גראַפען וכדומה טיטולירטע פּערזאָנען אין די אָפּערעס זיינען אינגאַנצען אָפּ־געשאַפט געוואָרען. אָנשטאָט אַ קעניג פלעגט אויף דער בינע אַרויסטרעטען אַ גאַנצער ראָט פון אַרבעטער־מאַטראָזען און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען. דאָס סאָלאָ־געזאַנג, אַלס אַ קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערע ערשיינונג און אַ פּאַרבלייבעניש פון פּריוואַט־איי־גענטום, איז אויך אָפּגעשאַפט געוואָרען. יעדע סאָלאָ פלעגט ווערען געזונגען פון דער גאַנצער טעאַטער־דינערשאַפט, פון גאַנצען כאָר, פון דעם גאַנצען אַנסאַמבל און אפילו פון די סאָליסטען אויך.

דער דועל פון יעווגעני אָניעגין איז פאַרביטען געוואָ־רען אויף „אַ סאַמאָסוד". לענסקי פאַלט שיער אַ קרבן פון פאָלקס־צאָרן, פאַר'ן טויט האַלט ער אַן אַגיטאַציאָנס־רעדע ווע־גען דער ראַטען־מאַכט און ראַטעווע זיין לעבען דורך דעם, וואָס ער טרעט אריין אין דער רויטער ארמיי. דערביי זינגט דער גאַנצער כאָר: „עך טי מאַרוסיא, מאַרוסיא טי מאַיא!" און דער פאָרהאַנג פאַלט.

דער דאָזיגער פּאָסטען אָבער איז אים ניט געווען שטאַרק צום האַרצען, מחמת ער איז ניט גאָר שטאַרק ריזה'דיג. ווי צום פאַסט פּאַר אַ ריכטיגען קאָמוניסט, האָט ער דעריבער פּרינ־ציפּיעל פאַרלאָזען זיין טעטיגקייט אויף דעם געביט פון מוזיק און איז געוואָרען קאָמענדאַנט פון וואָקזאַל.

ביי מיין ערשטען אָנקומען אויפ'ן וואָקזאַל איז דער קליינער מאַטווייקאָ ערשינען פאַר מיר אין זיין גאַנצער באַ־וואָפנונג. אין ביידע הענט האָט ער געהאַלטען צוויי גרויסע רעוואָלווערען; איינער אַ „נאַגאַן", דער צווייטער אַ „בראַונינג". איבער די אַקסלען צוויי פּאַטראָנטאַשען, אָנגעלאָדען מיט

פּאַטראָנען; אויפֿ'ן פּלייצע אַ מאַאוזער ביקס; אויפֿ'ן קנעפּעל האָט זיך ביי אים געבאָמבעלט אַ האַנט־גראַנאַט און אויף זיי־בע לענדען—אַ גרויסער מאַסיווער שווערד.

ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו מיר, צוגעשטעלט די ביי־דע רעוואָלווערען צו מיינע שלייפען און אויסגעשריען:

— אַ פּאַפּיראָס!

איך האָב אַרויסגענומען מיין פּאָרטסיגאַר און מכבד גע־ווען אים מיט אַ פּאַפּיראָס.

— דעם פּאָרטסיגאַר אַהער! בורזשוי און קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנער!

— וואָס רעדסטו, טאָוואַרישטש,—זאָג איך צו אים—איך—אַ בורזשוי? איך—קאָנטער־רעוואָלוציאָנער? סך־הכל האָב איך נאָר־וואָס נעבען דער „טשרעזוויטשייקע" אָפּגעשלאָגען אַ גאַנצען אָנגריף פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. געשטעלט דאָס לעבען אין סכנה. איך—אַ בורזשוי?

— דו ביזט דאָך אָבער אַ זשיד? און אַלע זשידעס זיינען בורזשואַזאַטען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן... אַלעקסאַנדער קערענ־סקי, אָדער ווי מיר רופען אים אַלעקסאַנדער דער פערטער—אויך אַ זשיד!

— גאָט איז מיט דיר, טאָוואַרישטש,—זאָג איך—ווער ווייס דאָס ניט, אַז קערענסקי איז אַ קריסט, אַ פּראַוואָסלאַוונער רוס. איך קאָן דיר דאָס אַפילו אויפווייזען מיט אותות ומופתים. איך קען מיט דיר גיין אַ געוועט אין וויפיל דו ווילסט נאָר אַליין.

— מילא, זאָל זיין, אַז קערענסקי איז אַ קריסט, אָבער אַלע זשידעס זיינען בורזשואַזאַטען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנע־רען און מען דאַרף זיי אויסראָטען.

— און טראָצקי?

— טראָצקי איז אַ קריסט.

— וואָס רעדסטו? טראָצקי — אַ קריסט? ווער ווייס דאָס ניט, אַז טראָצקי איז אונזערער? טראָצקי איז אַ א.ד. לייבקע טראָצקי, האָסט פאַרגעסען?

— און אַז אַ איד איז וואָס? אַבי ער שטייט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט! און דו, דו ביסט אַ בורזשוי און אַ קאָנטער־רע־וואָלוציאָנער! איך דריק דיר אויס מיין אומצוטרוי און —

גיב אַהער דיין זילבערנעם פּאָרטסיגאַרל, אויב דו ווילסט זיך ניט זען מיט דיין חבר שינגאַראָוו, וועלכען מיר האָבען גע־ הרג׳עט, ווייל ער איז געווען ניט געגוג קלאַסען־באַוואוסטזיניג.

איך פאַרשעם זיך, וואָס שינגאַראָוו איז מיינער אַ חבר און איך גיב אָפּ מיין זילבערנעם פּאָרטסיגאַרעל.

פּערצעגטעם קאַפּיטעל.

רעוויזיעס.

נאָכדעם, ווי מיין פּאָרטסיגאַרעל איז געוואָרען אויס מיין פּאָרטסיגאַרעל, נאָר זיין פּאָרטסיגאַר׳ל, איז דער קאָמענדאַנט, טאָוואַרישטש מאַטווייקע געוואָרען מיט מיר קנעפּעל־שבקנעפּעל. עטליכע מאָל אין טאָג פּלעגט ער מיר באַזוכען און נישט אַזוי מיך, ווי מיין טשעמאָדאַנטשיק. אים איז זייער טשיקאַווע געווען צו וויסען, וואָס, אַ שטייגער, איך פיר מיט זיך.

אויסערן קאָמענדאַנט, זיינען אויך די איבעריגע באַן־אָנגעשטעלטע געווען נייגעריג צו וויסען, וואָס אַזוינס געפינט זיך אין מיין טשעמאָדאַנטשיק. דער סטראַזשניק, דער הייצער, דער קאָנדוקטאָר, דער סטריעלאָטשניק, דער רעדער־שמירער, דער לאָמפּען־צינדער—אַלע האָבען זיי געוואָלט וויסען, וואָס איך האָב דאָרט אין מיין קלומעק. זיי האַלטען, אַ פּנים, אַז אין אַ לאַנד פון אָפּענער דיפּלאָמאַטיע איז ניט קיין יושר צו פירען מיט זיך פאַרבאָרגענע זאַכען. הכלל, מיין טשעמאָדאַנטשיק איז געוואָרען דער העלד פון וואָקזאַל.

די ערשטע טעג האָבען מיין טשעמאָדאַנטשיק באַזוכט די

אָפּיציעלע באַן-באַאַמטע. אַז זיי זיינען פֿאַרטיג געוואָרען מיט דער רעוויזיע, האָבען זיך צו מיין טשעמאָדאַנטשיק גענומען זייערע ווייבער. אַז איך בין פֿאַרטיג געוואָרען מיט די ווייבער, האָבען זיך צו מיין טשעמאָדאַנטשיק גענומען גלאַט זייטיגע מענשען, דורכפֿאָרער אָדער סתם שפּאַציר-גייער, וואָס האָבען צופֿעליג פֿאַרבלאָנדזשעט אויפֿ'ן וואָקזאַל. אַלע זיינען אויך טשיקאַווע געווען צו וויסען, וואָס איז דאָרט אין מיין טשעמאָדאַנטשיק און פֿאַרוואָס טאַקע נישט. וואָס איז זייער נשמה, אַ ראָזינקע?

און אַזוי האָב איך געהאַלטען אין איין אויפֿפּאַקען מיין טשעמאָדאַנטשיק און פֿאַרפּאַקען, פֿאַרפּאַקען און אויפֿפּאַקען; מיט איין וואָרט, איך בין געווען שטאַרק פֿאַרנומען און נישט באַמערקט, ווי די צייט גייט אַריבער.

באַזונדערס פֿלעג איך זיין באַשעפֿטיגט אין דעם טאָג, וואָס דורכ'ן וואָקזאַל פֿלעגט דורכפֿאָרען אַן עשאַלאָן מיט סאָלדאַטען, דעמאָלט האָב איך גאָר קיין הענט זיך ניט אָנגענומען. וואָרום אַ סאָלדאַט, און נאָך אַ רויטער אַרמייעץ, וואָס פֿאַרטיידיגט די ראַטען-רעגירונג, איז אוודאי מחויב צו וויסען, וואָס דו פֿירסט דאָרט. אַ קשיה אויף אַ מעשה, אפשר פֿירסטו אַזעלכע זאַכען, וואָס מען טאָר נישט פֿירען.

און אַזעלכע זאַכען, וואָס מען טאָר נישט פֿירען, זיינען פֿאַראַן עטליכע: ברויט, קאַרטאָפֿעל, בגדים, זייף, טשוועקעס, גאָלד, זילבער, בריליאַנטען, גרויפּען, טאַבאַק, סאַכאַרין, וואורשט, אַלערליי געלטער, מילכיגס, טיי און צוקער, גאָפּעל-לעפֿעל, שיך און זאָקען, אַ קראַוואַטעל, וועש, לעדער, שאָקאָלאַד, וויין, שנאַפּס, קאָנפֿעקטען, בריף, אַ זייגער, אַ ראַזיר-מעסער, אַזוי אַ מעסער'ל, אַ בערשטעל, שו-וואַקס, שוועבעלאַך, פּאַפּיר, שניט-סחורה, אַ בליי-פֿעדער און נאָך אַזוינע זאַכען.

דער פּועל יוצא איז געווען, אַז פֿון יעדער רעוויזיע פֿלעגט ביי מיר נעלם ווערען אַ חפֿץ און מיין טשעמאָדאַנטשיק פֿלעגט ווערען וויסטער און פּוסטער. דער ערשטער אונטערזוכער האָט ביי מיר געצונדט פֿיר העמדער, האָט ער געפּאָ-

דערט, אַז איך זאָל מקיים זיין די „ביעליאָוואַיאַ פּאָוויִנאָסט״ — וועש־פּליכט, הייסט עס, און איך זאָל זיך מיט אים צוטיילען: מיר צווייִ העמדער און אים 2 העמדער. דער צווייטער אונטערזוכער האָט ביי מיר געפונען צוויי העמדער, און האָט איינגעפונען, אַז לויט אַלע קאָמוניסטישע כּללים, דאַרף איך זיך מיט אים אויך טיילען: מיר איינס און אים איינס. דער דריטער אונטערזוכער האָט ביי מיר געפונען איין העמד, האָט ער גע׳פּסק׳ענט, אַז היות ווי איין העמד טראָג איך אויפ׳ן לייב, מעג ער דאָס העמד אינגאַנצען צונעמען.

דאָס אייגענע איז אויך געוועהן מיט די איבריגע זאַכען און מיט דעם גאַנצען ביסעל מטלטלים. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך בין געבליבען מיט מיין פּוסטען טשעמאָדאַנטשיק.

בלויז איין זאַך האָט זיך מיר איינגעגעבען אָבצוראַטעווען פון די זשעדנע אויגען און גראַבעלדיגע פינגער פון מיינע באַזוכער. דאָס איז מיין לאַבען ברויט, וואָס איך האָב גענומען מיט זיך אין וועג אַריין; דעם דאָזיגען לאַבען ברויט האָב איך אָפּגעשטריטען מיט מסירת נפש. אַ סך בעלנים זיינען אויף אים געוועהן, נאָר דאָ איז מיר דער קאָמענדאַנט בייגעשטאנען אין מיין נויט: פאַר אַ האַלבען ברויטעל, וואָס איך האָב אים אָפּגעשניטען, האָט ער זיך גענומען צו באַשיצען מיינע רעכט אויף דעם אַנדער האַלבען ברויטעל. ער וואָלט מיר, זאָגט ער, אויף דעם אַרויסגעגעבען „אַן אָכראָנאַ גראַמאָטאַ״, מיט זיין אונטערשריפט, נאָר ער קאָן זיך נאָך לע״ע נישט אונטערשרייבען. דערפאַר וועט ער מיר „ליטשניע״ מיין האַלבען ברויטעל באַוואַכען מיט דער גאַנצער „באַן־וואַך״.

און ער האָט באַשטימט אַ באַוואָפענטע וואַך, וואָס זאָל שטיין נעבען מיר און אָפּהיטען מיין האַלבען ברויטעל.

איך בין שוין אינגאַנצען געוועהן רוהיג. ערשט פּלוצלונג איז אָנגעקומען אויפ׳ן וואָקזאַל אַ גאַנצער עשאַלאָן סאָלדאַטען, וואָס איז באַשטאַנען פון דער „נאָווגאָראָד־סעווערסקער דיוויזיע״ און אַ קובאַנישער קאָזאקען־קאָרפּוס מיט דעם „גלאַוונאָווערך״ פון קיעווער גאַרניזאָן טאָוואַרישטש פּעדקאַ בראש. דעם „גלאַוונאווערך״ אָדער דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון

קיעווער גאַרניזאָן פעדקא קען איך זייער גוט. די לעצטע צייט פלעגט ער אַריינקומען צו אונזער דינסט־גויע מאַטרענאָ. מיין עובדה איז געווען, צו עפענען אים די טיר און מעלדען דער דינסט־גויע בקול רם: „טאָוואַרישטש מאַטראָנא, דער הויפט־קאָמאַנדיר פון קיעווער אָקרוג, טאָוואַרישטש פעדקא, ווינשט אייך צו זען"! מיין ווייב פלעגט גלייך שטעלען דעם סאַמאָוואַר און גרייטען צום טיש.

נאָך וועטשערע פלעגט מיין ווייב מוזען שפילען קלאַוויר, און ער, פעדקא, פלעגט טאַנצען מיט מאַטרענאַ אַ „פּאָלקע". פיאַנינעס האָבען מיר געהאַט צוויי, דערצו 3 גראַמאָפאָנען. טאָוואַרישטש פעדקאָ האָט זיי ערגיץ רעקוויזירט און צוגעשיקט במתנה דער שטוב־גויע. די פיאַנינעס זיינען ביידע געשטאַנען אין קיך. אויף איינעם פלעגט מאַטרענאַ שיילען קאַרטאָפעל אָדער „קראָשען" מאַכאָרקע פאַר פעדקען: אויף דער צווייטער פלעגט זי ביינאַכט שלאָפען און בייטאָג שפילען מיט איר געליבטען—אין זעקס און זעכציג און „איוואַנושקאַ דוראַטשאָק".

טיילמאָל, ווען טאָוואַרישטש פעדקא פלעגט שוין זיין גאָר בגלופין, פלעגט ער אָנשטעלען די גראַמאָפאָנען און מיר אַלע פיר פלעגען טאַנצען אַ קאַדריל.

אַן אַנדערש מאָל פלעגט פעדקא באַפוילען, איך זאָל שפילען אויף דער פיאַנא, און ער מיט מיין ווייב זאָלען טאַנצען „טאַנגאָ". „טאַנגאָ" איז געווען זיין באַליבטער טאַנץ. דערביי פלעגט מאַטרענא אָפשפילען מיין ווייב שטורמישע סצענעס פון אייפערזוכט. מיך פלעגט זי אָנרופען „בלייערנע קיקעמאָרע" און מיין ווייב—„גאָראָכאָוואָיע טשוטשעלאָ".

נישט איינמאָל פלעגט מיין ווייב פאַר מיר וויינען אין דער שטיל אויף דער באַליידיגונג פון דער שטוב־גויע, נאָר איך פלעג זי טרייסטען: האָב געדולד, מיין טייערע, נישט אייביג וועט אַזוי דויערן. עס וועט קומען די סאָציאַלע אָרדנונג, וועלען מיר אויך ווערען לייטען גלייך און קיין איין דינסט וועט אונז נישט באַליידיגען...

דאָ ניט לאַנג איז מאַטרענא פלוצלונג פאַרשוואונדען, פאַרכאַפענדיג מיט זיך מיין ביסעל זילבער און מיין ווייב'ס

רעטאָנדע. איך בין געלאָפען אין שטאַב אַריין, צוגעפאַלען צום קאָמאַנדיר פעלקא: סטייטש? אַזוי און אַזוי? וואָס האָט זי געהאַט צו אונז. אונזער לעצט ביסעל האָב און גוטס!... האָט דער קאָמאַנדיר אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און מיך געוואָלט שיסען. פון דאַן אָן איז ער אויף מיר ברוגז.

איצט האָט ער מיר דאָ דערטאַפּט, און זיין ערשטער באַפעל איז געווען:

— אָביסקאַט! — באַזוכען, הייסט עס.

די גרויסע מחנה חילות האָבען זיך געוואָרפען אויף מיר מיט שטורם. נאָר ווי גרויס איז געווען זייער ענטטוישונג, ווען זיי האָבען געפונען אַ ליידיגען טשעמאָדאַן מיט אַ האַלבען לאַבען ברויט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ברויט?—האָט דער „גלאוונאווערך" געפרעגט.

— צום עסען—האָב איך געענטפערט. — זינדיגער מענש, וואָס איך בין, וויפיל איך זאָל זיך ניט מאַטערן אָפּגעוויינען זיך פון עסען קען איך ניט.

— ווריאש, בורזשוי!—האָט ער נאָך מיט מער צאָרן אויסגעשריען—דאָס פירסטו אויף שפעקולאַציע; דו פירסט אַרויס דאָס ברויט פון אוקראַינע. אַהער דעם ברויט פאַר דער אַרמיי!

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מיין פריינט, דער קאָמענדאַנט מאַטווייקאָ.

— טאָווארישטש קאָמאנדיר,—האָט ער געזאָגט—לויט'ן לעצטען דעקרעט טאָר מען ניט פירען קיין גאַנצען לאַבען ברויט. אָבער א האלבען ברויט מעג מען.

— זאָל מיר דער טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט מוחל זיין. דער טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט ווייס ניט מאי דקאמרי רביצין. עס איז בלויז ערלויבט צו פירען אַנדערטהאַלבען פונט ברויט, אָבער מער דערפון טאָר מען ניט. מעג אפילו זיין אַ האַלב לעבעל.

צווישען דעם טאָוואַרישטש קאָמענדאַנט און טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר האָט זיך צופלאַקערט אַ שטאַרקער וכוח וועגען מיין ברויט. דערביי האָבען זיך אַריינגעמישט עטליכע זייטיגע פאַר־

שוינען סאָוועטען-אָנגעשטעלטע, פּאָליטישע קאָמיסאַרען. מען האָט מיין האַלבען ברויטעל געוואויגען, געמאָסטען און געדרונגען פאַרשיידענע השערות. דער גאַנצער חיל האָט זיך צוטיילט אויף פאַרשיידענע גרופען מיט פאַרשיידענע מיינונגען. די צוגען-באַוועגונג האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעשטעלט. איבער דער גאַנצער ליינג פון דער פלאַטפאָרם ביי דער באַן-ליניע זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען „פליענדע מיטינגען". דיסקוסיעס. דרשות. דאָס מיליטער האָט געברויזט, געקאָכט ווי אַ שטורם-ווינט, געפּאָדערט, דאָס האַלבע לעבעל ברויט. אַנדערש וועט מען באָמבאַרדירען די שטאָט קוואַרטאַלען-ווייז און ניט איבערלאָזען אַ שטיין אויף אַ שטיין. עס האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד.

דער קאָמענדאַנט מאַטווייקאָ האָט דערווייל געשיקט אַ טעלעפאָנאָגראַמע אין שטאָט אַריין: „אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון מיליטער אויפ'ן באָדען פון פּראָוויאַנט. די לאַגע איז געפערליך. שיקט פאַרשטאַרקונגען".

באַלד איז אָנגעקומען אַ גרויסער „אָטריאַד" מאַטראָזען, אַ לעטישער באַטאַליאָן און אַ גרויסע מחנה כינעזער, פאַרלאַמענטאַרען, אַגיטאַטאָרען און דער אויפשטאַנד איז איינגעשטילט געוואָרען.

אין טומעל איז מיין טשעמאָדאַן מיט דעם ברויט אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען, ווי אין וואַסער אַריין.

פֿופֿצענטעס קאַפּיטעל.

הוררא! איִך פֿאָר שוין!

ווי: איִר ווייסט שוין פֿון מיין פֿאָריִגען קאַפּיִטעל, איִז איִן דעם גרויסען טומעל פֿון מיִליִטעריִשען אויפֿשטאַנד, צוליִב מיין האַלבען ברויטעל אויפֿ'ן וואָקזאַל, פֿאַרלוירען געגאַנגען מיין טשעמאָדאַנטשיִק מיִט דעם האַלבען ברויטעל צוזאַמען.

איִן פֿלוג איִז עס דוקא געוועזן אַ טובה. וואָרום ווער ווייסט דאָס ניִט, אַז ביי היינטיִגע צייטען פֿאָרען מיִט זאַכען איִן אַ וועג, מיִט באַגאַזש און מיִט צידה לדרך, איִז אַן אָפּקו־מעניִש. איִצט איִז אַ סוף. פּטור געוואָרען פֿון אַ פּעקעל. איִצט ביִן איִך מיִר אַ פֿרייער מענש. אַליין מיִט זיִך, וועל איִך זיִך שוין אַן,עצה געבען. אָ ןפּעקלעך וועל איִך מיִך שוין ווי: עס איִז אַריינקוועטשען איִן וואַגאָן אַריין. איִן לעצטען פֿאַל וועל איִך מיִר ווערען אַן אָנהייגער — פֿון וואַגאָן. מחמת היינט, אויב איִר וויִלט פֿאָרען, מוזט איִר ווערען אַ שטאַרקער אָנהייגער — פֿון וואַגאָן.

און כך הוה. עס איִז מיִט מזל אָנגעקומען א לאַנגע זאַך אַזאַ, אָנגעפּיִקעוועט פֿון איִנעווייניִג און פֿון דרויסען מיִט גע־דיִכטע הורבעס לעבעדיִגע מענשען, אויסגעסקולפּטורעוועט פֿון

אויבען ביז אַראָפּ מיט צאַפּעלדיגע באַרעליעפען פון מענשליכע איברים, קעפּ, פיס, הענט... אונטער דעם דאָזיגען מענשליכען געווימעל האָבען זיך געדרייט רעדער פון וואַגאָנען. משמעות, דאָס איז געוועזן אַ צוג.

איך האָב מיר זיך גלייך אָנגעהאַנגען. מיין שפּיץ פון גראָבען פינגער פון מיין רעכטען פוס איז געשטאַנען אויף אַ שפּיץ פינגער אויף נאָך עמיצענס אַ פוס, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם פאָדערשטען טרעפּעל. מיין לינקער פוס האָט זיך געבאָמבעלט אין דער וועלט אַריין; מיט צוויי פינגער פון מיין רעכטער האַנט האָב איך זיך געהאַלטען אָן אַ שרייפעל, וואָס האָט געשטעקט אין וואַנט. מיין לינקע האַנט האָט סתם געפאָרטשעט צום הימעל צו און דיריגירט אין דער לופטען.

דער צוג האָט זיך גערירט. מיין היטעל האָט דער ווינט אַראָפּגעטראָגען, פאַרטראָגען הינטער די רעדער און די רעדער האָבען עס צוזאַמען מיט מיינע איינגענייטע עטליכע רובל געהאַקט אויף קרעפּעל-פיש.

מילא, בין איך שוין אָן אַ היטעל אויך. גם זו לטובה. ווייניגער מיט אַ הפּק, גרינגער צו פאָרען אין וועג אַריין.

אַזוי בין איך געפאָרען ביז לוקעיאַנאָווקע. אין לוקעיאַנאָווקע בין איך שוין געשטאַנען מיט איין פוס אויף דעם פעסטען באָדען פון טרעפּעל. אין שוליאַווקע האָב איך זיך געזעצט רייטענדיג אויף די בופערעס. אין נאָווי-ליפּי בין איך שוין געזעסען אויפ׳ן לייטערל, וואָס פירט צום דאַך. אין בערעזאָווע בין איך שוין געזעסען אויפ׳ן דאַך און צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל פּאַסאַזשירען געפאָרען מעשה מענש מיט גרויס הרחבה.

מיט אַ צוקער-שטריקעל האָבען מיר זיך אַלע צוגעפּגעבונדען, צוגעבונדען זיך צום קוימען און געמאַכט זיך גרייט פאַר דער נסיעה. איך אַליין האָב זיך געמאַכט באַקוועם, אַרויסגענומען מיין נאָטיץ-ביכעל, צו שרייבען די פאָרטזעצונג פון מיינע „מסעות”, פאַר מיר האָט זיך געטראָגען דער עמוד-הענן און באַלויכטען דעם וועג; אַ שפּריי-רעגענדעל איז געפאַלען פון אויבען און האָט אונז געפרישט מחיה נפשות.

עס איז שוין געוועזן גאָר גוט. אונזער צוג האָט זיך

געגליטשט ווי אויף פוטער. זיך גיט־אָגעגן מיט אַזאַ שנעלקייט, כאָטש גיי נאָך און שאַרף אַ מעסער אָן די רעדער.

פלוצלונג — אַ שיסעריי אַ מהומה, סטאָפּ! אונזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע זשוליאַנע. גריצענקא איז דאָ!

איר האָט אפשר ניט געהערט פון גריצענקאָ? וועל איך אייך דערציילען.

גריצענקאָ איז די לעצטע צייט געוואָרען אַ באַקאַנטע פערזענליכקייט אויף גאַנץ אוקראַינע. געוועזן איז ער אפילו גאָר אַ געוויינליך פאַרשוינדעל, אַן איינוואוינער פון דאָרף „טשאָרנאַיאַ יאַמאַ"; פאַרנומען זיך דערמיט, וואָס ער פלעגט ניט ווילענדיג גנב'ענען פערד.

אַז די פויערים פון „טשאָרנאַיאַ יאַמאַ" האָבען אים פון דאָרף משלח געווען, איז ער געקומען קיין קיעוו און אָנגעקומען אין דער קינסטלערישער סטודיע פון ווערא טשעביריאַק. די לעצטע צייט, ווען דער דאָזיגער פאַך איז אַריין אין שוסטער־גאַס, און יעדער פאַרך איז געוואָרען אַ גנב, האָט אונזער פאַרשוין געוואָרפען די פראָפעסיע און אָנגעהויבען אַרבעטען אַלס אַנאַרכיסט.

די ערשטע צייטען איז אים אַפילו געווען קשה: דאָס איז אַנאַרכיזם? אַ לעבען - האָט ער געזאָגט — האָב איך זיך פאַרנומען מיט מיין פאַך און האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דאָס הייסט אַנאַרכיזם.

און אַזוי האָט ער זיך געוואָרפען פון איין אידעאַל צום צווייטען, פון אַנאַרכיזם צום באָלשעוויזם, פון באָלשעוויזם צו קאָמוניזם, פון קאָמוניזם צו אַנאַרכיזם, ביז ער איז געוואָרען אַ באַטקאָ, אַן אַטאַמאַן פון אַ באַנדע חיל צוזאַמענגעשטעלט פון אַלערליי נאַציאָנאַלע „אינטערנאַציאָנאַליסטען" דעזערטירען, געוועזענע זשאַנדאַרמען, אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטען און סתם באַנדיטען.

נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין „טשאָרנאַיאַ יאַמאַ", נוקם געווען זיך אָן די אָרטיגע פויערים דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעקוילעט די אַלע אידען פון די אַרומיגע דערפער, באַשטימט דאָרט זיין רעזידענץ־שטאָט, ערקלערט אַ

נייע רעפּובלִיק „טשאָרנאַיאַ יאַמאַ", אַרויסגעלאָזען ספּעציעל געלט מִיט זיין פּאָרטרעט און קעמפט מִיט דער ראַטען־רוס־לאַנד פאַר זיין זעלבסטשטענדיִגקייט.

און אָט דער דאזיִגער גריִצענקאָ מִיט זיין באַנדע האָט עס אויפגעהאַלטען אונזער צוג.

גריִצענקאָ האָט באַפוילען, מיִר זאָלען די רגע אָפּרייניִ־גען דעם צוג פאַר זיין מיִליִטער. אונז, די דאַך־פּאָרער, האָט ער געהייסען די רגע אַראָפּשפּריִנגען פון דאַך גלייך אויף דער ערד. „סאלטא מארטאלע", הייסט עס, זאָלען מיִר מאַכען, אַניִט וועט ער אויף אונז שיִסען פון אַ פּולעמיאָט. אַ שאָלה, איִך האָב קיינמאָל ניִשט געלערנט די קונסט פון שפּריִנגען און ניִשט אַרויסגעטראָטען אין קיין ציִרק. איִצט זע איִך, אַז אַ מענש דאַרף אַלץ לערנען. עס קומט צונוץ אין לעבען. מילא, שפּריִנגען, איִז שפּריִנגען. אַלץ בעסער איידער געשאָ־סען ווערען. האָב איִך אָפּגעזאָגט ודוי. נאָר פונדעסטוועגען האָב איִך געוואַרט: זאָלען צוערשט מיינע דאַך־קאָלעגען שפּריִנ־גען. זאָלען זיי מאַכען אַ קופּע מענשען אויף דער ערד און צוגרייטען אַ ווייכען באָדען פאַר מיין זיִנדיִגען גוף.

ווען מיִר אַלע זיינען געלעגען אויף דער עריד, האָט מען מיִך אַרויסגעשלעפּט פון דער קופּע און פאָרגעשטעלט פאַר'ן באַטקאָ.

— אַ קאָמיִסאַר! אַ זשיִדאָווסקי קאָמיִסאַר!

האָב איִך מיִר ווידער גלייך גענומען זאָגען ודוי, נאָר האפּענדיִג אויף אַ נס, האָב איִך זיִך געבעטען:

— ווי קום איִך צו זיין אַ קאָמיִסאַר, אַז נאָר־וואָס האָט מען מיִך אַליין באַראַבעוועט אַלס בורזשוק.

נאָר דער באַטקאָ האָט מיִך ניִשט געלאָזען ענדיִגען. עס האָט זיִך דערהערט אַ היִלכיִגער קלונג. ווי איִך בין דערנאָך געוואָר געוואָרען, איִז עס געווען אַ פּאַטש, וואָס דער באַטקאָ האָט מיִר אַראָפּגעלאָזען, מחמת איִך האָב אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר ציין. ניִשט אומזיִסט זאָגט מען: ניִשט אַלץ, וואָס קליִנגט, איִז גאָלד, עס קאָן זיין — אַ פּאַטש.

— דאָס געוואָר אַהער! — האָט דער באַטקאָ געדונערט.

איִז עס מיִר געוואָרען אַ ביִסעל קשה: ער, דער באַטקאָ,

שטייט פאַר מיר באהאנגען פון קאָפּ ביז די פיס מיט כל־ערליי כלי־זין, ווי אַ לעבעדיגער צעכהויז, מיט באָמבעס, שפּיזען, רעוואָלווערען, גראַנאַטען, שווערדען און מאָנט נאָך ביי מיר געווער.

— אָביסקאַט! — האָט ער באַפוילען.

אַ כאָפּטע פאַרשוינען זיינען מיך באפאַלען פון אַלע זייטען און גענומען באזוכען. מען האָט מיך באזוכט פון קאָפּ ביז די פיס. מען האָט געזוכט געווער. געזוכט און געפונען. אין מיין בוזים־קעשענע האָבען זיי געזוכט אַ האַרמאַט און געפונען — אַ טייסטער; אין טייסטער האָבען זיי געזוכט אַ ביקס און געפונען — עטליכע רובל; אין מיינע הויזען־קעשענעס האָבען זיי געזוכט אַ צעפּעלין און געפונען — אַ נאָז־טיכעל; אין מיינע וועסטעל־טאַשען האָבען זיי געזוכט אַ טאַנק און געפונען — אַ נאָטיץ־ביכעל; אין נאָטיץ־ביכעל האָבען זיי געזוכט אַ פּולעמיאָט און געפונען — אַ פּאָר אוקראַינישע גריווענעס; אין זאָק האָבען זיי געזוכט אַ טעלעפאָן און געפונען — אַ זייגער; אין מיינע שטיוועל האָבען זיי געזוכט פאַרצוימונגען פון שטעכעדיגען דראָט, נאָר אַזוי ווי קיין שטעכעדיגע דראָט האָבען זיי דאָרט נישט געפונען און בכלל קיין שום דראָט נישט געפונען, האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס איז מסתמא א אָן־דראָטיגער טעלעגראַף און דער אַטאַמאַן האָט גע׳פּסק׳ענט:

— קאָנפיסקירען דעם דראָטלאָזען טעלעגראַף, ד. ה. מיינע שטיוועל און מיך אויפהייגען אויף דער „וואָראָקאַטשקע”. האָב איך גענומען זאָגען ודוי.

פּלוצלונג איז אַ נס געשען. עס האָט אויסגעבראָכען א מהומה:

בשעת דער רעוויזיע פון געווער איבער די סקלאַדען פון מיינע קעשענעס, איז דער צוג, מיט וועלכען איך בין געקומען און וועלכען מיר האָבען אָפּגערייניגט פאַר גריצענקאָ׳ס מיליטער, פּלוצלונג פאַרשוואונדען געוואָרען. געשטאַנען אַ צוג און נישטאָ קיין צוג, אויסגעטריקענט געוואָרען.

— גע׳גנב׳עט דעם צוג!

אַוועק׳גנב׳ענען אַ צוג איז ביי אונז קיין נאָווינע נישט.

נאָר איִז אָבער אַ חוץ דער גנבה אויך אַ גרויסער פּאַראַט געשען, אַ סקאַנדאַל.

עטליִכע דעזערטיִרען, וועלכע האָבען דעזערטיִרט פון אַטאַמאַן קאַפּוסטאַ׳ס באַנדע און צוגעשטאַנען צום באַטקאָ גריִצענקאָ, האָבען וויִדער אַמאָל דעזערטיִרט פון גריִצענקאָ׳ס באַטאַליאָן און אַנטלאָפען מיִט׳ן צוג צום אַטאַמאַן „קראַסניִ פּיעטוך״, כדי מיִט איִם צוזאַמען צו־שטיין צום אַטאַמאַן זעליאָניִ.

דיִ בהלה איִז געוואַקסען. לויפען! כאַפּען! שיִסען! און איִן טומעל האָב איִך זיִך אַרויסגעגליִטשט און זיִך באַהאַלטען איִן קעסעל פון אַ צובראָכענעם לאָקאָמאָטיִוו, וואָס איִז געשטאַנען אויף אַ זייטיִגער ליִניע און אַזוי אַרום ביִן איִך ניצול געוואָרען פון דער תליה.

איִן דעם לאָקאָמאָטיִוו ביִן איִך געלעגען דעם גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט ביִז גריִצענקאָ מיִט זיין חיל האָבען באַציאָנאַליִזיִרט אַן אַנדער צוג און אַוועקגעפאָרען.

אויף מאָרגען פריִ ביִן איִך אַרויס פון באַהעלטעניִש. אָן אַ היִטעל, אָן שטיִוועל, איִן זאָקען, אַ פּאָר ציין ווייניִגער איִן מויל און אַביִסעל אָפּגעצערט.

איִך ביִן געשטאַנען און אַרויסגעקוקט אויף גאָט׳ס פרייער וועלט, ויִ אַ ניי־געבוירען קיִנד. אויפ׳ן האַרצען איִז מיִר אָבער געווען לייכט און ליִנד: איִצט ביִן איִך נקי, אָן איִבּריִגע חפצים, און דיִנער ביִן איִך געוואָרען, איידעלער; אַזוי איידעל, אַז איִך וועל שוין זיין אומשטאַנד זיִך אַריינקוועטשען איִן דעם ענגסטען וואַגאָן; דורך אַ לעכעל פון אַ נאָדעל וועל איִך דורכקריִכען... איִך האָב געקוקט אויף דעם פוסטען גרויסען באַן־פּלאַץ מיִט דיִ וויט־צולייגטע רעלסען און מיין האַרץ איִז מיִר געוואַקסען פאַר נחת: ניִשט קיִעוו איִז דאָס, נאָר זשוליאַנע, דיִ צווייטע סטאַנציע פון קיִעוו. פון אַ צווייטער סטאַנציע איִז גריִנגער אָפּצופאָרען, גריִנגער צו זעצען זיִך איִן אַ צוג — אַלע ווייסען עס. עס איִז נאָר שווער צוצוקומען צו דער צווייטער סטאַנציע. מחמת, אום צו קומען צו דער צווייטער סטאַנציע, מוז מען זיִך צוערשט זעצען אויף דער ערשטער סטאַנציע און דאָס איִז אַביִסעל שווערליִך. ויִ מיין

פעטער, וועלכער האָט גע'חלומ'ט צו ווערען אַ מיליאָנער, פלעגט זאָגען, אַז ס'איז שווער בלויז צונויפצושלאָגען דעם ערשטען מיליאָן, אָבער, אַז מען האָט שוין דעם ערשטען מיליאָן, איז שוין די איבריגע מיליאָנען גאָר גרינג צו קריגען.
– מיר איז גוט, איך האָב שוין, גאָט צו דאַנקען, דעם ערשטען מיליאָן. איך האָב דורכגעמאַכט די קיִעווער סטאַנציע, און בין שוין 12 ווערסט פון קיִעוו. פון זשוליאַנע איז שוין גרינגער צו פאָרען, זאָל נאָר אָנקומען אַ וועלכער נישט איז צוג.

און כך הוהו! ער איז דאָ! אַ צוג איז אָנגעקומען, און איך האָב זיך אַהין אַריינגעשמוגעלט. איך בין שוין אינעווייניג. פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקעל. איך זיץ און גלויב נישט מיי־נע אויגען. איך בין אין אַ וואַגאָן! גאָט מיינער! איז עס נישט קיין חלום? אָך, ער רירט זיך, דער צוג! איך פאָר. אַ געפיל פון עקסטאַז כאַפט אַרום מיין גאַנצע נשמה, דאָס האַרץ פלאַצט שיִער נישט פאַר פרייד. דער מאָמענט איז ערהאַבען. און ווי אין אַ ערהאַבענעם מאָמענט באהערשט מיך אַ רוח הקודש. מיין גאַנצער וועזען זאָגט שירה. איך קאָן שוין מער אין פראָזאַ נישט שרייבען. איך מוז זינגען, זינגען און דווקא אין גראַמען. און עס וועבט זיך שוין דאָס שיינע, ערהאַבענע ליד אין גראַמען – – –

דאָס דאָזיגע גראַמען־ליד – אין קומענדיגען קאַפּיטעל.

זיבעצנטער קאַפּיטאַל.

אין וואַגאָן.

אין וואַגאָן — ווי עמיץ וואָלט אים פּעפּט
מיט אַלע כּחות
אָנגעשטאָפּט מיט יון, פויער און שינעל,
מיט פּעק
און זעק
און ריחות...
און איך בין אויך אין דעם געפּילעכץ
איינגעפּרעסט.
געבויגען זיץ איך אויף אַ שאַרפען
ברעג
פון עמיצענס אַ קעסטעל.
אַ שטעכעדיגער פרעסטעל
יאָגט פון דעם צובראָכען פענסטער;
עס קלאַפּט אַ צאָן מיר אָן אַ צאָן,
און ענג! אַן ענגשאַפּט אין וואַגאָן, —
מען קען זיך קוים אַ טרייסעל טאָן...
אויף מיינע קניען רוען זיס און טריי

„חברים“ דריי:
אַ „באַראַבאַנשטשיק“ און אַ „וווואָדנער“
און נאָך איינער,
אַ יונגאַטש מיט ביינער,
אַ פאַרשוין אַ מאָדנער,
„אַ הערוי“, אַ דעזערטיר!
פון לינקס, געלענט באַק צו באַק,
שלאָפט רוהיג אַ דאָנסקאָי קאָזאַק;
פון רעכטס געטוליעט האַרט צו מיר
מיט צערטליכקייט אָן שיעור
אומאַרעמט מיך און שנאָרכט געשמאַק
אַ היידאַמאַק...
פאַר מיינע אויגען טונקעלט זיך
אַ פאַנאָראַמע פיס און שיך
פון אַלע סאָרטען:
אין באָטפאָרטען,
שטיוועל צוקאַראַטשעטע אין לאַטעס,
פיס געשוואָלענע,
אין זאָקען וואָלענע,
פיס געפרוירענע מיט בלויזע פיאַטעס,
פיס אין שמאַטעס,
שטיוועל מיט געשאַרפטע שפאָרען,
וואָס שפאַצירען אום און פאָרען
אויף מיין צורה,
ווי די רעדלאַך אויף אַ מצה־שמורה...
דזין!.. אַ פענסטער האָט געפּלאַצט,
ס׳קריכט אַ בייער פּאַסאַזשיר
אויף אַלע פיר,
איבער מיר,
ווי אַ משונה׳דיגער פויגעל
פּאַטשעט,
און גראַבעלט, טרעט.
און קנעט
מיך ווי אַ טייגעל.

כ׳קאָרטשע איין זיך ווי אַ בייגעל.
און ס׳איז מיר גוט אַ חיות...
היימלאַך...
כ׳שלאָף און וואַך,
און חלום אויפ׳ן וואָר
באַגלייט פון טריט פאַרדומפּטע אויפ׳ן דאַך.
צום טייוועל! שטיי איך, צי איך פאָר?
— ביים סאַמאָפאָר?...
דער עיקר —
ס׳איז געמיטליך...
שוואַרצע שטיקער
אין דער פינסטער רירען זיך און קאָרטשען,
מורמלען, וואָרטשען
בייז מיט צאָרן:
— עך, עך, עך! אַ לאַנד געוואָרען!
ניט צו גיין און ניט צו פאָרען,
ניט קיין האָלץ, און ניט קיין קוילען.
— קאַלט!...
— און די שולד איז וועמעס?
— ווער באַהאַלט?
— דער זשיד!
— אַן אמת!
— זשיד, אָ זשיד!
פון סופיט
דאָרט סקריפּעט נאָך אַ הייזעריגער קול אַרונטער:
— כ׳בין געוועזען אַ געזונטער
שטאַרקער רוס,
צינדער ליג איך אָן אַ פוס.
אַך, מלחמה האָט זיך זיי פאַרוועלט.
מאַכען געלט.
— ווער?
— דער זשיד!
— זשיד — זשיד! זשיד — זשיד!
— וואָלט איך נאָר געקענט

זואָלט איך אַלעמען פאַרברענט!
— או — או זשיד! זשיד!
— טראָצקי!
— בראָצקי!
— און וויסאָצקי!...
— ווסיאָ זשידי!
— ס'לאַנד צוריסען.
— כאַ, כאָ, כאָ!
נאָך אַ שטימע:
— נעכטען האָבען מיר אָט דאָ
אַ זשידיוקעל אָפגעשמיסען!
אַ געלעכטער:
— האָ! האָ! האָ!
— און דערנאָך
אינ'ם שויב געמאַכט אַ לאָך
און אַ נעם, און מיט'ן קאָפּ
דורכ'ן פענסטער — האָפּ!
— כי! כי! כי! כאָ, כאָ, כאָ!
נאָך אַ שטימע:
— איך האָב דאָ
ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכען
זשידעס זיבען שטיק דערשטאָכען!...
— כי, כי, כי!
— זשידי! זשידי!
שטיל... איך הער,
ווי אַ פויער
רוימט זיין חבר איין אין אויער:
— ברודער וועסט זיי קוילען,
שאַנעווע ניט קיינעם!
אויסגע'שחט ביז איינעם.
אויך די קאַץ אַפילו,
וואָס אין הויז,
לאָז ניט אויס,
חלילה!

אַ זשידאָווסקע קאַץ איז אויך אַ סם.

— פּאָגאָלאָוונאַיאַ רעזניאַ!

וואָס טאַק!

זשידי! זשידי! זשידי!

און עס שיפּען,

סקריפּען

שטימען דאָ און דאָרט,

און ס׳קויקעלט זיך פון ליפּ צו ליפּ,

פון מויל צו מויל

און ס׳הודזשעט, זשומעט

ס׳איינציג וואָרט:

— זשיד — זשיד! זשיד — זשידו!..!

— — — — — — — — — — — —

מיר איז גוט, איך פאָר.

זיבעצעטעס קאַפּיטעל.

דער סוף פֿון מיין נסיעה.

און אַט אַזוי בין איך אָפּגעפּאָרען דריי וואָכען. פאַר די דריי וואָכען צייט בין איך אָפּגעפּאָרען נישט פיל. סך הכל 12 וויאָרסט, און דאָס איז דערפאַר, וואָס אויף דער דאָזיגער שטרעקע איז די באַן-ליניע געווען צונומען אין פינף ערטער פון פארשיידענע אַרמייען, און סתם בירגער, וואָס האָבען חשק צו אַ הייקע.

יעדעס מאָל, וואָס דער צוג פלעגט צוקומען צו די צונומענע רעלסען, פלעגט מען מיך מאָבּיליזירען אויף צוואַנגס-אַרבּעט, העלפען צורעכט מאַכען די ליניע. און דאָס איז געווען מיין גליק, ווייל כידוע, בין איך געבליבען אָן צידה לדרך, און פאַר מיין אַרבּעט פלעג איך באקומען אַ „פּאַיאָק"— דריי פערטעל פונט ברויט אַ מעת-לעת, און האָב מיר געלעבּט ווי אַ גראַף.

די צרה איז נאָר געווען, וואָס בשעת מיר פלעגען פארריכטען די ליניע אויף איין אָרט, פלעגט מען די באַן-ליניע צונעמען אויף אַ צווייטען אָרט, און בשעת מיר פלעגען צורעכט מאַכען די ליניע אויף אַ צווייטען אָרט, פלעגט מען

זי צונעמען אויף אַ דריטען אָרט. און אַזוי כּסדר. דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר האָבען זיך געפונען אין דער ספערע פון מלחמה. אַרום אונז האָבען געפייפט קוילען, געבוכצעט האַרמאַטען און עס איז געווען זייער פריילך.

אויפ'ן צוועלפטען וויאָרסט, אַרום ביוערקע, זיינען מיר שוין אַרויסגעפאָרען פון דער פייער-ספערע און צוגעפאָרען צו די גרעניצען פון אַ נייער מלוכה, אַ נייע דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישע רעפובליק, וואָס געפינט זיך אונטער דער ממשלה פון איינעם אַן אַטמאַן, וואָס די איינוואוינער ווייסען נאָך נישט אויף קלאָר, ווער דאָס איז: צי גריגאָריעוו, צי זיעלאָני.

ביי די טויערן פון אַ נייער מלוכה דאַרף מען, נאַטירליך, רעוויזירען די פּאַסאזשירען.

האָב איך גענומען זאָגען ודוי.

די שוואַרץ-געפּאַקטע מאַסע אין פינסטערן וואַגאָן האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי אַ גרויס אומגעלומפּערט באַשעפעניש מיט אַ סך אברים. באַלד האָט אויפגעבליצט אַן עלעקטרישער לאַמטערן, וואָס האָט זיין בעזימ'ל ליכט געוואָרפען און געניש-טערט אין אַלע זייטען, דאָ–דאָ, דאָ–דאָרט, באַלויכטען אַ רויט פּנים, אַ צושויבערטע באָרד, אַ פוס, אַ סערמאַגע, אַ שינעל, ביז עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מיין פּנים. איך בין געזעסען צונויפגעהויקערט און פאַרשטעקט אין אַ ווינקעל הינטער אַ באַרג פעק און נפשות, נאָר דער לאַמטערן האָט מיך אויך דאָ געטראָפען, אַריינגעדרונגען אין ווינקעל אַריין און באַלויכטען מיין פּנים. איך האָב געוואָלט מאַכען אַ גוי'ש פּנים. האָב איך נישט געקאָנט.

— אַ זשיד! אַ זשיד! — האָט דער עולם זיך צורעוועט! האָ, — האָ, האָ!

אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבען מיך אַ כאַפּ געטאָן, אַ־ויסגעשלעפּט מיך פון ווינקעל, ווי מען שלעפּט-אַרויס מיט אַ קרייצער אַ קאָרעק פון אַ פלעשעל, און אַוועקגעשטעלט מיך אין מיטען וואַגאָן. דער עולם האָט געמאַכט אַ וואַרע.

— אַ קאָמיסאַר!

נאָר, מילא—קאָמיסאַר; זאָל זיין קאָמיסאַר, נאָר פאַרשטיין,

פאַרשטיי איך, אַז קיין לאַנגוויילע נסיעה וועט עס שוין ניט זיין, און אַז עס וועט שוין זיין איינמאָל פריילעך.

און ווירקלעך, מאָדנע טשיקאַווע יונגען זיינען געווען מיינע מיטפאָרער, פריילעכע אַזעלכע, צוגעלאָזטע פאַרשוינען. און וואָס האָבען זיי ניט אויסגעטראַכט, אַבי מיך צו ווילען! די שענסטע שפילערייען און שפיצלעך. ממש פון אויג ניט געלאָזען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ריכטיגער קאָנצערט.

צוערשט טאַנצען. חברה פאָדערט, כ׳זאָל גיין טאַנצען. מילא, טאַנצען איז טאַנצען. שטאַרק האַמפערן זיך וועל איך ניט. הגם די אמת׳ע טאַנץ־שטימונג האָט מיר גראָד אויסגע־פעלט. נאָר, אַז דער עולם בעט רחמים און פאַלט־צו מיט רעוואָלווערען אין די הענט, קאָן מען קיין הזיר ניט זיין און מען מוז טאַנצען.

איך האָב געטאַנצט. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ טאַנץ — ווייס איך ניט. אָן אַ היטעל, מיט באָרוועסע פיס, ווי אַן אמת׳ער „באָסאָנאָזשקאַ”. אונטער דער באַגלייטונג פונ׳ם לאַמ־טערן־פראָזשעקטאָר, איז עס, מסתמא, געווען זייער אַן אינ־טערעסאַנטער טאַנץ, „אַלאַ דונקאַן”. דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט, שטאַרק געלאַכט, געפייפט, געפּאַטשט מיט די הענט און אַפּלאָדירט.

מיר איז אויך געווען שטאַרק פריילעך און איך האָב געטראַכט — פון זעלבסטמאָרד.

נאָך דעם דאָזיגען טאַנץ, האָט דער עולם פאַרלאַנגט אַ נייעם אויפטו: איך זאָל זיך שטעלען אויף אַ קעסטעל, קרייען ווי אַ האָן און שרייען: „קוקעריקו!” „איך בין אַ זשיד!” און „איך בין טראָצקי!”.

האָב איך געקרייט ווי אַ האָן, געשריען „קוקעריקו”, „איך בין אַ זשיד!”, „איך בין טראָצקי!”, ביז איך בין הייזע־ריג געוואָרען און דער צונג איז מיר געוואָרען ווי אַ קלאָץ.

פאַלט זיי איין אַ נייע שפּיל: זיי וועלען מיר ווייזען פעטראָגראַד. אַ שפּאָגעל־נייע פּאַנאָראַמע.

צוויי פאַרשוינען, וואָס ליגען אויף די זייטיגע פּאָליצעס, נעמען מיך אָן פאַר די אויערן און הויבען מיך אַרויף. דאָס

הייסט ביי זיי: זיי ווייזען מיר גאַנץ פּעטראָגראַד, הגם אסור זאָל מיר זיין, אויב איך האָב געזען פּעטראָגראַד. אַז געזען האָב איך גאָר דעם זיידען פון יענער וועלט, דעם כּף הקלע, דעם גיהנם און נישט פּעטראָגראַד. און זיי האַלטען אין איין הױבען מיך אַרויף און אַראָפּ און פרעגען, צי זע איך פּעט־ראָגראַד, צי זע איך דאָרט טראָצקי׳ן? מילא, זאָג איך, אַז איך זע. און דער עולם קוועלט און היזשעט און עס איז אַזוי פריילאַך.

איצט אַ נייע שפּיל: באָמבאַרדירען דעם מאָסקווער קרעמל. ווי אַזוי מען באָמבאַרדירט מאָסקווער קרעמל, וועל איך אייך דערציילען. איר ווייסט, זאָג איך אייך, שטאַרבען לאַכענדיג. דהיינו: יעדער איינער פון עולם דאַרף צוגיין צו מיר און געבען מיר אַ שנעל אין נאָז. וואָס פאַר אַ שייכות מיין נאָז האָט צו מאָסקווער קרעמל, ווייס איך נישט. נאָר, אַז יענע שטייען און ווייזען מיר אַזעלכע בלישטשענדיגע צאַצקעס אין די הענט, האָב איך פיינט זיך אריינלאָזען אין א דיסקוסיע.

דער עולם האָט באָמבאַרדירט. אזוי לאנג געשנאַלען אין מיין נאָז, ביז ער איז געשוואָלען געוואָרען ווי אַ באַרג. איך האָב געפילט, אז נאָך אביסעל און ער וועט ווירקליך געגליכען ווערען צו דעם מאָסקווער קרעמל און אויסוואקסען און איבערשטייגען נאָך העכער ווי דער גלאָקען־טורם פון איוואן דעם גרויזאַמען.

מיין נאָז איז געוואקסען און די שמחה איז געוואקסען. דער גאנצער וואגאָן איז געגאנגען כאָדאָראָם פאר פרייד און פאר געלעכטער.

איצט איז ערקלערט געוואָרען אַן אנטראקט. בשעת׳ן אנטראקט דארף מען, פארשטייט זיך, צובייסען. זייער גוטע מענשען. געטיילט זיך מיט מיר מיט דעם לעצטען ביסען, געקאָרמעט מיך פון הויפען, געשטופּט מיר קאָלבאס אין מויל אריין. געשמירט מיר די ליפען מיט חזיר־שמאַלץ, אז עס איז מיר שוין געגאנגען צוריק.

נאָך דעם דאָזיגען מאָלצייט, איז צווישען עולם אויסגע־בראָכען א דיסקוסיע: וואָס זאָל מען מיט מיר ווייטער טאָן? צי מאכען „אילומינאציע״, ד. ה. מען זאָל ביי מיר אויפ׳ן

שטערן אויסבערענען דאָס וואָרט „טראַצקי”, אָדער „לופט פלי־עריי”: מען זאָל מיך אַרויסוואַרפען פון פענסטער און אַ סוף. איך אַליין האָב אין דער דיסקוסיע קיין אָנטייל נישט גענומען, מחמת מען האָט מיך נישט צוגעלאָזען צום וואָרט.

דאָס רוב עולם איז אָבער געווען פאַר לופט־פליעריי, מען זאָל מיך אַרויסוואַרפען פון פענסטער פון וואַגאָן, מחמת אַ שאָד אַ פאַפּיראָס, עס לוינט נישט. הגם עס איז אַפּילו זייער אַ שיינער און אַ פרייליכער שפאַס, די אילומינאַציע.

דער עולם האָט זיך נישט לאַנג געי׳שוב׳ט. עטליכע געזונטע הענט האָבען מיך אַ נעם געטאָן און אַ הויב־אַרויף.

— די מאַרינאַרקע אַרונטער! — האָט מען געשריען פון אַלע זייטען. א שאָד די מאַרינאַרקע!

אין איין רגע איז די מאַרינאַרקע אַראָפּגעצויגען געוואָ־רען פון מיר. איך בין ווידער דערהויבען געוואָרען, אַ שטויס דורכ׳ן פענסטער און — האָפּ! איך בין געפלויגען — — —

איך ווייס נישט; איך בין קיינמאָל נים געווען קיין לופט־פליער און בין קיינמאָל נישט געפלויגען אויף קיין לופט־באַלאָן. איך האָב נאָר געלייענט די איינדרוקען, וואָס די לופט־פליער האָבען באַשריבען, זייערע געפילען בשעת׳ן פליען. איך קאָן, ליידער, אַזעלכע איינדרוקען נישט שרייבען, ווייל מיין פליען האָט געדויערט זייער ווייניג צייט. איך גע־דיינק נאָר, אַז איך האָב געמאַכט עטליכע קונציגע „טויטען־שלייפען”, אַ צוויי־דריי קאָזשעלקעס אין דער לופטען און באַלד האָב איך דערפילט, אַז איך ליג אָן אַ ברעקעל באַ־וואוסטזיין. איין זאַך האָב איך נאָר געטראַכט: ווער ווייס מיך, אַ שטייגער, אָפּמינטערן, ווייל אַזוי ליגען איז גאָר קיין תכלית נישט.

און כך הוה. אַ שטאַרקער שלאַקס־רעגען האָט מיך אָפּגעגאָסען מיט אַ קאַלטען דוש און איך האָב זיך אויפגעטשוכעט. איך האָב געעפענט די אויגען און זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. ארום און ארום איז געווען פינסטער, פוסט און וויסט. מער נישט אַ פאָר גלאַנציג־נאַסע רעלסען האָבען זיך געצויגען און פאַרלוירען אין ביידע זייטען. דער רעגען האָט נאָך געגאָסען, אריינגעטריפט דורך די צוריסענע שטיקער פון מיין העמד אין אלע אברים.

מען דארף לויפען. און ווי איך בין געשטאנען מיט׳ן פנים רעכטס, האָב איך זיך אין דער ריכטונג געלאָזט לויפען. געשטעלט פיס האָפּערדיג, גאלאָפּ, איין פוס באָרוועס, דער אנדערער אין א זאָק. מיין שטימונג—אַ געהויבענע. די זעלבסט־פּי־לונג אויסגעצייכענט. דער קאָפּ האָט געברענט. אין מויל—טרוּ־קען, די פיס—געבראָכען, די נאָז—געשוואָלען. און מיינע לי־פּען האָבען עפּיס געמורמעלט.

איך בין געווען טשיקאווע איינצוהערען זיך, וואָס מיי־נע ליפּען האָבען געמורמעלט. און איך האָב געהערט:

— „איך בין טראָצקי! איך בין טראָצקי!‟

לאך איך.

— כי־כי־כי! כי־כי־כי!..

עס האָט זיך אָנגעהויבען שאריען אויף טאָג. פון ווייטען בלייכט זיך אַ שטאָט. איך וואָלט שווערען—קיעוו! אַך, מיין טייערער ליבהארציגער קיעוו. איך האָב אזוי לאנג גע־בענקט נאָך דיר! אָט זע איך שוין דיין הייליגע אויפשריפט: „דאָברא פּאָזשאלאָוואט‟. איך גיי צו דיר, איך קום צו דיר! זיי מיר געגריסט, טייער שטעטעל מיינס!

דורך די פארוואָרפענע געסלעך לויף איך צו מיר אהיים, שלייך זיך דורך דורכ׳ן טויער אין מיין וואוינונג אריין.

— וואָס מאכסטו, טייער ווייב מיינס! איך בין געקו־מען צופאָרען, דיין מאַן טראָצקי! היינט וועל איך דאָ פּאַראַ־דירען מיין מעכטיגע ארמיי!

פארוואָרפט זי דעם קאָפּ און פאלט חלשות. קומען מענ־שען און מינטערן זי אויף. וויינט זי. זיך צעוויינט.

און איך האָב געלאַכט...